# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יארגאנג נאוועמבער 1946 לאנדאן **נומער 11** (העפט 82)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :


שעקספיר אויף דער יידישער בינע אין לאנדאן — ** . . . 1
שעקספירס איינפלוס אויפן יידישן טעאטער (עסיי) — ל ע א ה ע נ י נ ג 4
א בריוועלע צום הארצן (ליד) — מ ש ה ע ו ב ד . . . 10
די קאץ (סקיצע) — ל. ש. קרעדיטאר . . . 11
דאס ליד, פון דער פאעמע „די פידל" (לידער)
— א ב ר ה ם פ נ ח ס צ י ק ע ר ט . . . 14
די ברכה (דערציילונג) — א. ק י פ נ י ס . . . 16
רבי דודל לעלעווער (באלאדע) — א. נ. ש ט ע נ צ ל . . 21
די געשיכטע האט גע׳פסקנ׳ט — פ ר א פ. ש ל מ ה מ י כ א ע ל ס 28
יידישער אורטייל! (נאך נירעמבערג) — ד ו ב ו י א ר ש א ו ו ס ק י 30
א פאלק אונטער שטעכל־דראט (פון אוישוויץ ביז ציפערן)
— נ ח ו ם ש ט ע נ צ ל . . . 36
יידישע מיסטעריעס — ד"ר י ע ק ב מ י ט ל י ם . . . 39
אן ענטפער דער קריטיק פון משה עובדס בוך:
„אין זכות פון די טעג" — ע. ד. י ו ר א ו ו י ט ש . 42
שלום עליכם — פאלקס דיכטער און הומאריסט
(א רעדע) — א ל י ה ו פ א ל ו ש א ק . . . 46
די יידן אין דענעמארק — י ו ס ף א י י ז ע נ ב ע ר ג . . 49
אויב נישט נאך העכער (א טעאטער „שטודיע") — ש. . . 54
טעאטער אלס דערציאונגס מיטל (באריכט) — א. פ. . . 59
אברהם רייזען אין „יידישן קולטור קלוב" (באריכט) — ל. ל. . 60
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ — ** . . . 61
קולטור ידיעות פון דא — ** . . . 63
צוויי נאטיצן: 1 יידישע מיסטעריעס; 2 אין זכות פון די טעג — ** 64
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס—* . . 64


**פרייז 1 שילינג**

אבאנעמענט־פרייז:—13/6 פאר א יאר;

אין אויסלאנד:—3 דאלאר א יאר

1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע

„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע צייטונג אין

אייראפא.

אילוסטרירטער

טעאטער שפיגל

חודש־זשורנאל, ארויסגעגעבן פון „פאלקס־הויז" (בית־עם) און פון ניי־אידיש־טעאטער אין לאנדאן. אין יעדן נומער דערשיינען אקטועלע ארטיקלען און ידיעות, וואס זענען נוגע דעם יידישן טעאטער אין לאנדאן און אנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער: **1 שילינג**

אדרעס:—

"THEATRE MIRROR"

Adler Street, London, E.1

England.

Telephone: — BIS 1320.

נ י י - א י ד י ש ט ע א ט ע ר

פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1

דירעקטאריום: וו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.

טשערמאן: מ. ביטלער, אנפירונג: א. מייזעלס, האנ. סעק.: א. ביטלער.

**ראבערט עטקינס** פירט אויף שעקספיר׳ס

**דער סוחר פון ווענעדיק**

יידיש: **א. מייזעלס**

באטייליגטע לויט דער פיעסע:

יאזעף שערמאן, הערמאן טוניס, דוד סעגאל, אלבערט פאקס, מאקס בוים לעאן בלומענזאן, יודל גאלדבערג, יוסף נעוואלסקי, מאיר צעלניקער, מארים אקסעלראד, לעוו הויזער, אנא צעלניקער, מעמא סעגאל, רות לעווענשטיין, א.א.

מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין, בינע מענעדזשער: זשאק טשעפל

**יעדן אוונט פארשטעלונג** (פרייטאג געשלאסן)

**שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג**

**אוונט 7.**

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## צו די לייענער פון „לשון און לעבן“

1. דאס פריערדיקע שטענצל־העפטל דער איצטיקער זשורנאל „לשון און לעבן“, וועלכן מען האט פריער נאר געקענט קויפן אויף פארזאמלונגען, אדער מיר ליד פון מיטגלידער פון „פריינט פון יידיש לעבן“ קאן מען איצטער קויפן כמעט אין אלע בוכהאנדלונגען אין ווייטשעפל, ווי מאזין, שאפיראָ־וואלענשטיין עט קאמפ, כרם, נאלוב. איר קענט אויך קריגן דורך דער פאסט דירעקט צו זיך אהיים דורך ווערן אבאנאמענט. איר ברויכט נאר ארייניצושיקן אייער אדרעס מיט באצאלונג פאר א יאר אדער האלב יאר צום סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש־לשון“.

2. אונזערע חשובע אבאנענטן, וועלכע באקומען שוין צוגעשטעלט זייט אייניקע חדשים אונזער זשורנאל און האבן נאך נישט באצאלט דעם אבאָ־נענטס־פרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באטרעפנדע סומע:

13/6 פאר א יאר. אין אויסלאנד 3 דאלאר.

ווענדט זיך אין אלע ענינים צו אונזער סעקרעטאר א. פאלושאק.

**E. Paluszak, 64, Lauriston Rd., E.9.**

3. מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאבער פונם יידישן ווארט זיי זאלן אונז העלפן אין צושיקן אדרעסן פון זייערע באקאנטע און פריינט, וועלכע קענען האבן אן אינטערעס פאר אונזער זשורנאל און אזוי ארום שטארקן אונזערע קולטורעלע ארבעט. איר קענט פארשטיין, אז ביי אונזערע לאקאלע באדינגונגען, האבן מיר נאך נישט דעם נויטיקן אדמיניסטראטיוון און טעכנישן אפאראט, וואס מען ברויך צום אויסבוי פאר אזא ליטעראריש חודש־זשורנאל „לשון און לעבן“, וואס האט זיך דורך די אלע שווערע מלחמה יארן מיט אזוי פיל הארעוואניע און מי איינגעווארצלט אין אונזער ארימען ישוב, און וואס האט נעפונען א גוטן אפקלאנג אויך מחוץ ענגלאנד און מוז ווערן דער קנין און דאס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאנד.

די רעדאקציע.

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יארגאנג | נאוועמבער 1946 לאנדאן | **נומער 11** (העפט 82)

## שעקספיר אויף דער יידישער בינע אין לאנדאן

(א פאר ווערטער איבער שעקספיר און זיין שיילאק)

I

אויב מ׳רופט דאס ענגלישע פאלק דאס „בייבל־פאלק“, איז עס, מסתמא, נישט ווייל עס האט, משמעות, וועלכע עס איז טיפע שייכות מיטן תנ״ך, — א חוץ אפשר דארט אויסצונוצן זי פאר סטראטעגיש־מיסיאנערישע צוועקן! — גיכער וועט עס זיין אויפצופאסן: דאס ענגלישע פאלק ווי א פאראלעל צום ביבל־פאלק.

אז מ׳קוקט אן דאס געשלאגענע און דערשלאגענע יידישע פאלק מיט זיין אויסדויער, זיין עקשנות און בטחון, קאן מען עס ערשט באגרייפן, ווען מ׳קאן זיין תנ״ך! א פאלק, וועלכעס האט געהאט די פאטענץ צו שאפן אזא מין אומשטערבלעך בוך, פאר אזא פאלק איז די פארעם פון עקזיסטענץ א בייזאך. — דאס נישטיקע שטיקל ערדישע לעבן פאר אומשטערבלעכן שאפנדיקן זשעני:

„וואס מיר זיינען זיינען מיר,
אבער יידן זיינען מיר“.

אזא פאלק האט זיין אייגענע לאגיק. יעדעס אומבאגרייפלעכע ווערט פערשטאנען, ווען מען דערזעט זיין איבערמענטשלעכע שאפונג. און הייסן מיר נישט טאקע דערפאר דאס „עם־הספר“?

דאס זעלבע איז מיטן ענגלישן פאלק! ווען מ׳קוקט אן דאס ענגלישע פאלק איז עס א שווערע חידה, אן אומבאגרייפלעכע: ווי אזוי הערשט דאס דאזיקע אינזל־פאלק, — דאס אין תוך גענומען נישט „סיכטיקע“, נישט „טאלאנטירטע“, — איבער א דריטל פון דער וועלט? ווי אזוי רעגירט עס און דיריגירט מיט פעלקער און ראסן? וואס איז זייער כוח און וואו ליגט זייער כוח?

אט־א דרייען זיך ארום אויסגעיבולטע, לאנגווייליקע „לארדן“, זיי קאנען, במחילה, קיין קאץ דעם עק נישט פארבידן, און אז ס׳קומט צו „עפעס“, גייען זיי תמיד ארויס די זיגער.

זעט מען שעקספירן, דערזעט מען די פאטענץ פונם ענגלישן פאלק און מען פארשטייט זייער כוח! אזוי צו קענען סדרן און צו קענען פארבינדן הינטער די קוליסן יעדע מענטשלעכע האנדלונג, אזוי אויסצונלעטן יעטווידן קאנפליקט, באהערשט מען, נישט נאר די סצענע — נאר די וועלט־פאליטיק!

הערט מען ווי ס'קייטלען זיך די שעקספיר־רעפליקן, פארשטייט מען ווי אזוי קייטן־בריקן ווערן איבער קאנאלן אריבערגעווארפן.

* * *

שעקספירס זאצן זיינען באראקיש־ברייט; אקסל־צו־אקסל, מיט פאר ביסענע ליפן. טרעטן ווי אויף, מ'הערט דעם גענאגלטן גאנג פון זייער שריט — מווערן קאן מען מיט זיי איינוואַרפן ווי מיט די שופרות פון יריחו! און ווען זיי זיינען פארליבט, זיינען זיי פארבן־פלאטערדיקע זומער־פייגעלעך, וואס זויגן פון הארץ ארויס דעם זיסעסטן האניק.

אנדערש זיינען אונזערע ביבלישע ווערטער! זייער באריידעוודיקייט איז פלאמיק צינגלדיק און ווי ווארקנדיקע טויבן פליען זיי אויף אין ליכטיקע קרייזן. זיי באוועגן זיך אין זייער אייגענעם גלאנץ. — זיי זיינען „אותיות הפורחות באויר“! פלאטערדיק, פריש־בליענדיק לעבן פון פינסטערסטן כאאס ארויס.

אפילו די ליבע איז א „שלהבת יה“!

און ווי האט אייראפע טויזנט יאר געבויט איר גאטישן טורעם, דעם נעמלעכן פלאם ארויפצוגנבענען פונם הימל אויף דער ערד אראפ און ס'איז איר נישט געלונגען; צומאל מיט אירע בליץ־אפלייטערס, — מיט די בלאנקע קרייצן אירע אויפן שפיץ, — איז עס איר נישט געלונגען איינצופאנגען דעם נעמלעכן פלאם.

האט דער באראק געפלאכטן דאס געשטריק און די ראקאקא האט עס פארקניפט און פארשלייפט און קונציק עס געצווינגן פון שטאנג צו שטאנג. אויף די ארויסשטארטשנדיקע זיילן פון די פאמפעאישע חורבות ארויס — און צווישן הימל און ערד איז שעקספיר דער קונציקסטער שטריק גייער! זיין יעדע באוועגונג איז אזוי באריידעווודיק שווינדלדיק, און זיין ואזו — דער באלאנסירנדיקער שטעקן מיט א גראוווירטן זילבערקנאפ.

שעקספירס זאץ האט ווייניק שייכות מיטן תנ"ך־נוסח, פונקט ווי ס'ענגלישע פאלק מיט די „ביבל“ — א חוץ דאס, וואס צווישן די אייראפעאישע ביכער איז זיין שאפן דאס ספר־הספרים.

II

און דער גענ־אלסטער אויפטו שעקספירס איז, אפשר, געווען דאס קענען אריינשטעלן די שכלדיק שטרענגע שיילאק פיגור אין דער צעפלאסענער לוסטיקייט פונם „סוחר פון ווענעדיק“. שוין מיט דעם אליין, מיט דעם ראזיקן פארבליפנדיקן איינפאל, האט שעקספיר מיט איין נישט־געבראכענעם שטריך אונטערגעשטראכן דעם סך־הכל אונטער דער גאנצער יידישער געשיכטע — יא, — ס'איז דער שווארצער שטריך אונטער דער וועלט געשיכטע!

אויף דעם טויטן־טאנץ באלויכטענעם הינטערגרונד. — א צעצימערטער צעפלאסענער פון תאוה־געלעכטער און גאנדאלא־לאמפיאנען, — דעם טונקעלען בליק־פונקט! ווי בולט־פלאסטיש נעמט זיך דאס אויס אזא ערנסטע פיגור מיט נקמה'דיק שווארצן אדלער־בליק, רציחיש־באפלאטערט פון לוסטיק־ווייזן מעוועו־געלעכטער.



און איז דען נישט די גאנצע טראגיק אונזערע, און פון דער וועלט, וואס דער ערנסט, — דער שכלדיקער רעיון, די אידעע, — פארפלאנטערט זיך תמיד אין עפעס א קאמישן פארז, אין א נאריש קאפריז?

מעגלעך, אז שעקספיר גופא איז געווען אן אנטיסעמיט, — ווי יעדער „פול־בלוטיקער“ גוי איז ער עס מסתמא געווען! אבער צי האט דאס צו טון מיט דער געשאפענער שיילאק פיגור? איז דען בלעם נישט געווען „בלעם הרשע“ און דאך איז די ערשטע תפילה אין אונזער סידור זיין „מה טובו אהליך יעקב“. דער גאון, דער עכטער שעפער קאן זיך נישט ארויסדרייען, — ווי ס'זאל זיך אים נישט גלוסטן, — פונם ריינעם אמת, פון דעם „וואס גאט לייגט אים אין מויל אריין“.

ווי געלד־גייציג דער ייד שיילאק זאל נישט זיין געצייכנט, זיינען די ווענעציאנער לעב־יונגען, מיט דעם „ליבן־יונג לאנצע לאט בראש, (א חוץ שיילאקן איז ער די לעבעדיקסטע פיגור אין דער קאמעדיע) נאך פיל נייציקער און נידריקער; אנטקעגן זייער לוסטיק לאבוסעוואטער הוצפה איז די בארימטע „יידישע חוצפה“ דער ערלעכער אויסגעשריי פון בארויבטן און געשלאגענעם נאך גערעכטיקייט.

און ווי גלויביק ער איז דאס, דער ייד שיילאק, אין דער „גערעכטיקייט“ פון דער שטאט ווענעציע, וואס יעדער טריק איז איר ריכטיק, וואו דער ריכטער אליין לאכט זי אויס אין זיינע ברייטע טאגע־ארבלען אריין.

שעקספיר קען דעם גאנצן אמת: די גויאישע גערעכטיקייט־שוואכקייט בשעת דער גוי איז שוואך; דאס יידישע יושר־געפיל בשעת דער ייד מיינט אז ער איז שטארק — ווי קאמיש־טראגיש ווירקן זיי דעמאלט... ביידע!!

ווי געניאל ער האט דאס דערטאפט דעם שוואכן דופק אין די „ידים ידי עשיו“, און דאס ביי־קולעכל — אינם „הקול קול יעקב“.

* * *

צי וועלכער גרויסער אקטיאר שארפט זיך די כוחות אויף דער פגימה־לאזער פיגור שיילאק, צי וועלכע אנטי־ אדער פילא־סעמיט שארפט זיך זיין צונג ביים אויסטייטשן די ראלע — שיילאק לעבט און איז פול־בלוטיקער ווי מאנכע לייב־האפטיקער ייד! און צו מיר ווילן און צי מיר ווילן נישט, ער איז א לעבעדיקער אמת, און צי אונזערע שונאים ווילן צי נישט, ער, שיילאק, וועט בלייבן דער עדות פאר שעקספירס אומשטערבלעכקייט.

מעגן האמלעט, אטעלא, ליר זיין פאנטאסטישערע, געוואלטיקערע פיגורן פאר דער אייראפעאישער ליטעראטור — אין אונזער אפשליסנדיקער שאפונג אין אייראפע וועט שעקספיר בלייבן מיט זיין שיילאק, ווי בלעם איז געבליבן א קאפיטל אין אונזער קאנאניזירטער שאפונג פונם אריענט. און ס'איז נישט קיין חילוק צוליב וועלכער סיבה און טעם מ'פירט שיילאקן ארויף אויף א בינע — גרויסע שאפונגען האבן שוין זייער אייגענע קוואליטעט און קיין שום הינטערגעדאנק קאן זיי נישט באווירקן, פונקט ווי קיין צופאל איז ביי זיי נישט שייך...

יאָ. אויב שעקספּירס שאַפונג איז דאָס די „ביבלישע״־פּאַטענץ פון אייראָפּע, וואָס דאָס ענגלישע פאָלק האָט געשאַפן, איז עס דאָך אַזוי נאַטיר־לעך, אַזוי סיבה־המסובבדיק, אַז יעטווידער באַווירקונג און זיכער נישט קיין צופאַל. — וואָס „אין יענער נאַכט״, ווען די פּאַלעסטינע קאָנפערענץ (די קאָמעדיע אין וועלכער מיר יידן שפּילן אַזאַ ערנסטע ראָלע,) האָט זיך געעפנט אין דער מעטראָפּאָליע לאָנדאָן, אַז אין „יענער נאַכט״ זאָל זיין גראָד אין דער זעלבער מעטראָפּאָלים, די אור־אויפפירונג, אין יידיש, פונם „סוחר פון ווענעדיק.״

# לעאָ קעניג

## שעקספּירס איינפלוס אויפן יידישן טעאַטער

שעקספּיר איז ניט אײנגאַנצן אַ „פרעמדער״ אויף דער יידישער בינע: מיר האָבן אַלע געהערט פון דער אויפירונג פון „קעניג ליר״ אינם מאָסקווער יידישן קונסט־טעאַטער. וועלכע האָט איבערגעלאָזט אַזאַ שטאַרקן רושם אין דער גאַנצער קינסטלערישער טעאַטער־וועלט.

און אַז שעקספּיר האָט אונדירעקט באַאיינפלוסט אויך די יידישע בינע בכלל לענט זיך אויפן שכל:

שעקספּיר האָט דירעקט און אונדירעקט באַאיינפלוסט אַלע נאַציאָנאַלע בינעס, דעם טעאַטער אין אַלע שפּראַכן. שעקספּיר איז שוין לאַנג פאַרדייעט און אַ אָרגאַנישער, קען מען זאָגן, עלעמענט געוואָרן פון אַלע נאַציאָנאַלע קול־טורן, און קיין שפּעטערישע נאַציאָנאַלע בינע האָט ניט געקענט אויסמיידן אַ דירעקטן אָדער אונדירעקטן איינפלוס פון שעקספּיר.

שעקספּיר איז שוין לאַנג „אינם בלוט״ פון אַלע דיכטער און דראַמאַטורגן וואָס זיינען געקומען נאָך אים. אויף אונזער בינע האָט ביז איצט שעקספּיר געהאַט מרוב נור אַ אונדירעקטן איינפלוס: אונזער גרויסער גאָלדפאַדן האָט זיכער ליב געהאַט שעקספּירן — אַ אַנאַליז פון זיינע, גאָלדפאַדענס פאָלקס־שפּילן, וואָלט עס זיכער באַוויזן; יעקב גאָרדאָן, דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער אייראָפּעאישער דראַמאַטורגיע אויף די יידישע טעאַטער־ברעטער און קענער פון בינע־טעכניק, האָט אַוודאי ניט געקענט אינגאַנצן אויסמיידן אַ איינפלוס פון שעקספּיר. פון אונזערע שפּעטערע, מאָדערנע און „ליטעראַרי־שערע״ דראַמאַטורגן איז דאָך אָפּגערעדט, כאָטש פיל דירעקטער האָבן זיי זייער יניקה געצויגן פון די מאָדערנע: איבסען, טשעכאָוו, סטרינדבערג, מעטער־לינג און אַנדערע.

נאָך גרעסער איז שעקספּירס השפּעה אויף דער יידישער בינע געקומען דורך אונזערע גרויסע, אינדיווידועלע שוישפּילער.

עס קאָן שוין באַטראַכט ווערן ווי אַ כלל, ווי אַ אַקסיאָמע אַז די גרעסטע



פאַרערער שעקספּירס מחוץ די שריפטשטעלער און קינסטלער אין אַלע שפּראַכן און לענדער זיינען שוישפּילער.

מען קאָן דעריבער אויך זאָגן אַז שעקספּיר איז דעם אַקטיאָרס, דעם שוישפּילערס דראַמאַטורג פּאַר עקסעלאַנס. שעקספּיר איז יעדן אמתן אַקטיאָרס חלום, און אידעאַל. פאַר וואָס: ווייל קיין דראַמאַטורג, דאַכט זיך, האָט ניט אַזוי פיל אמתע שפּיל און טעאַטער ווי שעקספּיר.

און ווייל קיין דראַמאַטורג האָט ניט געשאַפן אַזוי פיל גרויסע ראָלען אין וועלכע אַ גרויסער אַקטיאָר קען זיך אַזוי אויסצייכענען און באַווייזן אַלעם וואָס ער קאָן. האַמלעט, אָטעלאָ, קינג ליר, מאַקבעט, שיילאָק...

וואָס פאַראַ אמתער אַקטיאָר חלומט עס ניט צו באַווייזן זיך אויף די ברעטער אין אַ שעקספּיר ראָלע? וואָס פאַראַ אַקטיאָר האָט זיך עס ניט גע־לערנט שפּילן פון די גרויסע אַקטיאָרן אין אַלע לענדער, וועלכע האָבן געשפּילט די דערמאָנטע און ניט דערמאָנטע שעקספּיר־פיגורן?

און אַזעלכע גרויסע יידישע אַקטיאָרן ווי יעקב אַדלער, דוד קעסלער און די אַנדערע זיינען זיכער אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם... אַסך פון זיי האָבן אפשר ניט געהאַט קיין אַקאַדעמישע, דראַמאַטישע שולע, אָבער זיי האָבן געלערנט פון אַ בעסערער שולע: פונם טעאַטער — פון אונזער פּרימיטיוון, פּראַכטפולן גאָלדפאַדען טעאַטער, און... פון די גרויסע שוישפּילער אויף דער אייראָפּעאישער בינע, און פון זייערע שעקספּיר־ראָלן...

מען קען דעריבער זאָגן — און דאָס מאָל צום שבח פון אונזערע אינדי־ווידועלע גוטע שוישפּילער — אַז אין דעם אונדירעקטן שעקספּיר איינפלוס — ווענאָפילו הויפּטזעכלעך טעכנישן — אויף דעם יידישן טעאַטער זיינען מער שולדיג אונזערע שוישפּילער ווי אונזערע מאָדערנע יידישע דראַמע־שרייבער... און ס'קאָן זיין אַז ווען דער היסטאָריקער פונם יידישן טעאַטער וועט זיך שטעלן די פראַגע: ווער ס'האָט פריהער געבראַכט דעם שעקספּירישן הויך, שעקספּירן אַליין אויף דער יידישער בינע, וועט ער מוזן ענטפערן — דער יידישער שוישפּילער.

ניט אַזוי דער מאָדערנער יידישער דראַמאַטורג, ניט אַזוי דער יידישער רעזשיסאָר — ס'רוב זיינען נאָך אַלע ביי אונז די „סטאַרן״ אויך די „רעזשי־סאָרן״ — נור דער יידישער שוישפּילער וועלכער איז סטיכיש, אַזוי צו זאָגן, פאַרליבט אין שעקספּירן, און „לעכצט״ צו דערשיינען אין איינער פון די באַרימטע שעקספּיר־ראָלען...

ב.

און פון אַלע גרויסע און באַרימטע שעקספּיר־ראָלן איז שיילאָק נאַטירלעך געווען די פּאָפּולערסטע צווישן די באַדייטענדע יידישע אַקטיאָרן.

איך זאָג נאַטירלעך, ווייל שיילאָק איז דאָך די איינציקע יידישע פיגור אין דער גרויסער גאַלעריע שעקספּיר פיגורן; און דער יידישער אַקטיאָר האָט אפנים געגלויבט — און אפשר מיט אַ שטיקל רעכט — אַז ער קאָן ווייזן

די ניט־יידישע „שיילאָקס" ווי אַזוי צו שפּילן אַ „יידישן" שיילאָק... זיי זעען דאָך אויס יידישער און קענען בעסער די יידישע מאַניערן און זשעסטיקולאַציעס. גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַזוי וויכטיק. און אפשר פון אונזערע באַוואוסטע יידישע אַקטיאָרן ווי מאָריס מאָשקאָוויטש און יעקב בן עמי און אויך דער אַלטער שילדקרויט אין דייטשלאַנד האָבן זיך טאַקע אַרויסגעריסן און געוויזן אויף די ניט יידישע טעאַטער־ברעטער און פאַר אַ ניט יידישן טעאַטער עולם ווי אַזוי צו שפּילן אַ „יידישן שיילאָק"...

אַסך פון אונז געדענקען נאָך דעם „ריזיקן דערפאָלג" פון מאָשקאָוויטשעס שיילאָק אויף דער ענגלישער בינע, און פון בן עמיס שיילאָק אויף דער אַמעריקאַנער בינע: ענגלישע און אַמעריקאַנער טעאַטער רעצענזענטן האָבן דאָס שפּילן פון די יידישע „שיילאָקס" געלויבט ממש ביזן הימל אַריין... אָבער איך גלויב איצט, ווי דאַן — און איך האָב דעמאָלט ווען דעם געשריבן — אַז דעם ריזיקן דערפאָלג האָבן די צוויי גוטע יידישע שוישפּילער, הויפּטזעכלעך, געהאַט צו פאַרדאַנקען ניט אַזוי זייער אייגענער „יידישער" אינטערפּרעטאַציע פון דער באַרימטער שעקספּיר פיגור, ווי דער עקזאָטישקייט פון זייער שפּילן... אפילו זייער אַקצענט און זייערע מאַנעריזמען האָבן זיי צוגעהאָלפן צו זייער דערפאָלג...

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אַז עקזאָטיזם אַליין ווירקט זער טעאַטראַליש... און אַ ניט יידישער טעאַטער עולם וועט שטענדיג מיט מער טעאַטראַלן נייגיר קוקן אויף אַ יידישן שוישפּילער אַלס שיילאָק ווי אויף אַ געוויינלעכן ניט יידישן שיילאָק.

נאַטירלעך העלפט צו צו דעם דערפאָלג דער נאַטירלעכער עמאָציאָנאַליזם וואָס אַ יידישער אַקטיאָר מוז אַרויסווייזן שפּילענדיק אַ שיילאָק.

ג.

אָבער אויף דער יידישער בינע איז נאָך, ווי ווייט ס'איז מיר באַקאַנט, שיילאָק ביז איצט נאָך ניט אויפגעפירט געוואָרן; און מען קען נאָך ניט רעדן פון אַ „יידישן שיילאָק" ד"ה פון אַ יידישער אינטערפּרעטאַציע פון שיילאָק, וואָס דאָס זאָל ניט הייסן... פיל קינסטלערישער און לאָגישער איז צו רעדן פון אַ אייגנאַרטיקער אויפפירונג פונם „סוחר פון ווענעדיג" — אָבער אַזוינס האָבן מיר דאָך אוודאי ניט געהאַט. איך האָב פון אָנפאַנג דערמאָנט די אויפפירונג פון שעקספּירס „קינג ליר". אינם מאָסקווער יידישן קונסט־טעאַטער, און פון קיין אַנדערע שעקספּיר אויפפירונג אויף וועלכן ס'איז יידישער בינע וואָס זאָל האָבן איבערגעלאָזט אַ רושם האָבן מיר נאָך ניט געהערט...

פאַר וואָס:

צום באַדויערן מוז געזאָגט ווערן אַז די דורכשניטלעכע יידישע בינע, ווי ווייט מיר קענען זי דאָ און אין אַמעריקע, איז נאָך ניט צייטיג פאַר שעקספּירן: אום אויפצופירן שעקספּירן מוזן מיר פריהער האָבן שעקספּירן



אין יידיש די אַלטע איבערזעצונגען פון הערמאַלין זיינען צו אָרעם און שוואַך. און שעקספּירן קען מען ניט און מען טאָר ניט גלאַט אין אייליניש ווי ס'איז איבערזעצן... ווי אין אַלע קולטורעלע שפּראַכן מוז אויך אין יידיש שעקספּיר איבערזעצט ווערן פון שעקספּיר־קענער און דיכטער, סטיליסטן.

ווי איך האָב געזאָגט פריער געהער שוין שעקספּיר צו אַלע קולטורעלע פעלקער און ליטעראַטורן... און די ליטעראַטור איז אָרעמער וועלכע האָט נאָך ניט שעקספּירן... צוליב פאַרשידענע סבות, און הויפּטזעכלעך צוליב די ניט־נאָרמאַלע באַדינגונגען אין וועלכע אונזער יידישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך, האָבן מיר נאָך ניט שעקספּירס ווערק אין יידיש... אונזער איבערזעצונג ליטעראַטור איז אַ אָרימע און צופעליקע... יהואש האָט איבערזעצט דעם תנ"ך און דער דיכטער שוואַרץ האָט געמאַכט ווערטפולע בייטראָגן צו אונזער איבערזעצונג ליטעראַטור... אָבער ס'איז מיר נאָך ניט באַקאַנט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע — אַקאַדעמישע, דיכטערישע — איבערזעצונג פון וועלכער ס'איז ווערק פון שעקספּיר.

אַזעלכע דיכטער ווי ביאַליק און טשערניכאָווסקי וואָלטן מסתמא צוגענאַנגען מיטן גרעסטן יראת הכבוד צו אַ שעקספּיר איבערזעצונג. (די נייע העברעאישע ליטעראַטור איז פיל טיכטיקער און סיסטעמאַטישער אויף דעם געביט פון איבערזעצונגען: לעצטנס האָט דער אַמעריקאַנער רבי דאַווידאָוויטש געקראָגן אַ פּרייז פונם מוסד ביאַליק פאַר זיין פּראַכטפולער איבערזעצונג פון האַמלעט...) אָבער וואו זיינען אונזערע היינטיקע מערערע און בעסטע יידישע דיכטער — פאַר וואָס נעמען זיי זיך ניט צו דער גרויסער, אחריותפולער און שעפערישער אַרבעט?

איך ווייס דער קאָפּ איז געזונקען אין יידישע צרות און חורבנות... קיין יידישער פאַרלאַג־וועזן איז כמעט ווי ניט בנמצא לעצטנס...—

אָבער אַ שעקספּיר איבערזעצונג — איבערדיכטונג אין יידיש, וואָלט געווען אַ גרויסע באַרייכערונג פאַר אונזער יידישער ליטעראַטור און — ממילא שוין פאַרן יידישן טעאַטער. און אַז מיר האָבן נאָך ניט שעקספּירן אין יידיש (מיר מוזן גלויבן אַז „קינג ליר" איז פאַראַנטוואָרטלעך איבערגעזעצט געוואָרן פאַרן יידישן טעאַטער) — טאָ ווי קען מען רעדן פון שעקספּיר שפּילן אויף דער יידישער בינע?

ד.

און צווייטנס, דאַכט זיך מיר (הלואי מאַך איך אַ טעות...) אַז אויך די דורכשניטלעכע יידישע בינע איז נאָך ניט צייטיק צו שפּילן שעקספּירן:

שעקספּיר איז פּאָעזיע...— און דער יידישער אַקטיאָר (איך רעד ניט פון אויסנאַמען און פון די עקספּערימענטאַלע יונגע יידישע טעאַטער־גרופּעס) איז נאָך ניט געוואוינט צו דער טעאַטישער ריטמישער שפּראַך פון די גרויסע קלאַסישע מייסטערווערק. דער דורכשניטלעכער יידישער אַקטיאָר איז נאָך

אלץ געוואוינט צו דער אלטער „פראזע“, ווי ער רופט עס, און אפילו די שענע, ליטעראַרישע עברי. דעם ליטעראַרישן יידיש פון אונזער בעסערן ליטעראַרישן רעפּערטואַר, האָט ער נאָך ניט אינגאַנצן פאַרדייעט... איך רעד איצט ניט פון די בעסערע יידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס, פון די פאָר בעסערע יידישע קונסט טעאַטערס, וואָס מיר האָבן איצט אין אַמעריקע און געהאַט אין פּוילן, וועלכע וועלן האָפענטלעך נאָך אויפגעלעבט ווערן...

און אָן דער נויטיקער טעאַטער־קולטור, שולע און דיקציע מוז שעקספּירס וואונדערבאַרע רייכע און בילדלעכע שפּראַך קלימפּערן אינם מויל פונם געוועגלבן יידישן אַקטיאָר ווי אַ מין בחלקלקות פּראזע, אפילו ווען די איבערזעצונג וואָלט ניט געווען קיין שלעכטע... מיר האָבן טאַקע אַ לעבעדיקן, צאַפּלענדיקן יידישן טעאַטער עולם, וועלכער האָט ליב טעאַטער און שפּיל ווי דאָס לעבן; אַ טעאַטער־עולם, וואָס דערמאָנט נאָך אין געוויסע פּרטים און אין זיין פאַרבינדקייט דעם עליזאַבעטישן טעאַטער פון שעקספּירס צייטן... אָבער די דורכשניטלעכע יידישע טרופּע קען נאָך ניט שפּילן שעקספּירן אין רעדן שעקספּיר לשון...

ח.

שעקספּירס „שיילאָק“ און לעסינגס „נתן דער חכם“ זיינען געווען און זיינען נאָך עד היום, ווייזט אויס, די צוויי פיגורן אין דעם אייראָפּעאישן דראַמאַטישן רעפּערטואַר, אין וועלכע דער אַמביציעזער יידישער אַקטיאָר וויל זיך אויסצייכענען סיי אויף דער יידישער און סיי אויף דער ניט־יידישער בינע.

„נתן דער חכם“ איז אָבער שוין כמעט „טויט“ און די אָן ערך פיל קינסטלערישערע און מאָנומענטאַלערע פיגור פון שיילאָק לעבט נאָך און וועט נאָך לאַנג, לאַנג לעבן אויף דער וועלט־בינע. —

שעקספּירס שיילאָק איז אויך, ווי ס'איז באַוואוסט אַלעמען, געוואָרן אַ „פּראָבלעמע“ ווען וועלכער ס'איז אַמאָל, באַזונדער אין דער השכלה עפּאָכע, אַסך געשריבן און דיסקוטירט געוואָרן: אונזערע משכילישע אַפּאָלאָגעטיקער און קריסטלעכע יידן־פריינט האָבן מיט אַלע כוחות און מיט די שענסטע מליצות זיך באַמיט שיילאָקן „ריינוואַשן“ און „אויסוואַשן“, אַזוי צו זאָגן באַווייזנדיק זיין גרויסע מענטשלעכקייט, זיינע גרויסע טיפע ליידן, אַרומגערינגלט פון שונאים.... און פאַר די יידישע שונאים איז געווען גענוג דער פאַקט אַז שעקספּירס שיילאָק איז אַ ייד...

און דער „סוחר פון ווענעדיג“, וואָס דער געניאַלער שעקספּיר האָט פאַרטראַכט אַלס אַ קאָמעדיע (אויסנוצנדיק אַ לעגענדאַרן מאָטיוו וואָס איז פּאָפּולער געווען אין זיין צייט און איז פאַר אים באַאַרבעט געוואָרן דורך מאַרלאָ אין דעם „ייד פון מאַלטאַ“) איז אין די מאָדערנערע אויפפירונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דראַמע...



איך מיין אַז אַמבעסטן קען מען סומירן אָט די אַמאָליקע דיסקוסיעס און אינטערפּרעטאַציעס פון שעקספּירס „סוחר פון ווענעדיג“ מיט אַ ציטאַטע פון אונזער היינע וועגן שיילאָקן:

„ווי ס'ווייזט אויס — שרייבט היינע — איז שעקספּיר אויסן געווען צו מאַכן אַ סאַטירע פון קריסטלעכקייט, ווען ער האָט זי (די קריסטלעכקייט) געלאָזט רעפּרעזענטירן דורך די פּערזאָנען וועלכע מעהנן פיינטלעך קעגן שיילאָקן און וועלכע האָבן קוים די ווערט אים די שיך צו פאַרבינדן“...

ווי קליין זיינען די אַלע פיגורן אינם „סוחר פון ווענעדיג“ אין פאַרגלייך מיט דעם מאָנומענטאַלן, איינזאַמען, עלענדן און פאַרביטערטן שיילאָק... „אויסער פּאָרציאַ“ — גיט היינע צו...

מיר דאַכט זיך אַז אַ היינטיקן מענטשן איז אַ ביסל ניט פאַרשטענדלעך פאַר וואָס אַ היינע, צום ביישפּיל, איז אַזוי פאַרליבט אין פּאָרציאַ, וועלכע האָט אַלע מעלות — שען, קלוג און רייך — און איז אפשר דעריבער די אָמוויניגסט רעאַליסטישע פיגור אין דער פּיעסע.

אגב, האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט, אַז פּאָרציאַ איז, אויב מען קען אַזוי זאָגן, „יידישער“, „פּילפּולדיקער“ פון דעם מענטשיקן, פּעלונאַרטיקן שיילאָק, וועלכער מאָנט אַזוי שאַרף און שטאָלץ זיין רעכט, זיין דין, אַרומגערינגלט פון קליינינקע, גלאַטינקע, מיט זיך צופרידענע יאַכבי קריסטלעכע שונאים... וואו זעט מען אַזעלכע יידן? — — —

אָבער די צייט פון אַפּאָלאָגעטיק איז שוין (האָפענטלעך) אַריבער. און די אַלע חקירות צי שיילאָק איז יאָ אַ ייד צי ניט קיין ייד, אַ גוטער ייד צי אַ שלעכטער ייד, זיינען אָפּגעלעבט און האָבן אין תוך גענומען קיין ווערט ניט: שיילאָק באַלאַנג צו די גרויסע קינסטלערישע פיגורן—דאָן קיכאָטע, האַמלעט, טאַרטיופס קאַראַמאַזאָווס — וועלכע זיינען אוניווערסאַל, אַלמענטשלעך... אַ ניט וואָלטן זיי ניט געווען גרויסע קונסט ווערק, נור פּסעוודאָ קונסט: מאַנעקענס מיט נאַציאָנאַלע קאָסטיומען און נעמען... אמת, גרויסע קינסטלער, גאונים בענטשן אָפּט ווענען זיי ווילן שעלטן, ווי בלעם...

דאָן קיכאָט, האַמלעט, טאַרטיוף, שיילאָק — זיינען ניט קיין שפּאַניער, דענער, פראַנצויזן, יידן — זיי זיינען אוניווערסאַל, אַלמענטשלעך. —

און אַמבעסטן וועט „דער סוחר פון ווענעדיג“ אויפגעפירט ווערן, ווען מען וועט אויפהערן זען אין שיילאָקן דעם יידן... ווען מיר וועלן נעענטער ווערן צו שעקספּירן, אים בעסער פאַרשטיין, און אויך אין דעם „סוחר פון ווענעדיג“ דערקענען הויפּטזעכלעך דאָס שעקספּירישע:

דאָס אַלמענטשלעכע און טעאַטראַלע.

## משה עובר

# א בריוועלע צום הארצן

(פאַר חוה'ן)

ווי'ל איך האָבן תענוג
זעץ איך זיך אויף מיין גאַניק,
וויסטו וואָס איך טו?
איך נעם אַרויס דיין בריוו פון טאַש,
און גיב צום צענטן מאָל אַ נאַש,
און די וועלט בלאָזט זיך אָן מיט פרייד,
און די זון גייט אַרויס פון איר שייד,
און עס ווערט אַזוי וואַרעם יעדער גליד
ווי שרייבנדיק אַן אינספּירירט ליד.

לייענסט און לייענסט דעם בריוו,
און יעדעס וואָרט ווי אַ טראָפּן משקה,
גייט אין דיר אַריין טיף,
דרייסט און דרייסט דעם בוינן,
און דער מינט שיינט ווי אויגן
און ס'גיסט זיך צוזאַמען אות מיט אות,
פון אַלעם ווערט איין פריילעך כוס.

ראָן הייבסטו אָן אויפסניי פון אָנהויב,
און די וועלט לויכט ווי דורך אַ ליכטיקער שייב
און דו קוקסט דאָ, און דו קוקסט דאָרט,
און אומעטום בליט, אַ ליב וואָרט.
און צווישן אות און אות, זעסטו אַ שמייכל,
און צווישן שורה און שורה פליסט אַ טייכל,
און דו באָדסט זיך אין פרייד אין דערמיט.
און ס'איז דיר אַזוי גוט! אַזוי גוט!



## ל. ש. קרעדיטאָר

# די קאַץ
(אַ סקיצע)

ביים טיר פון הויז וואַרט זי מיך אָפּ און גלייך מיט מיר קומט זי אין מיין חדר אַריין.

איך ביים טיש — זי אויף דער ערד. איך אויף מיין שטול — זי אויף די הינטערשטע פיסלעך, מיטן ווידל אונטער זיך, קוקט מיט אירע גרינע אייגלאַך אין מיינע אַריין.

שווייג איך — שווייגט זי. נעם איך זיך צום עסן גיט זי מיר גלייך אַ פינטל מיטן אויג, לעקט אָפּ מיטן רויטן דינעם צינגל אירע ווייסע שיטערע וואָנצן ווי איינער זאָגט: איך בין שוין אויך גרייט צו דער אכילה...

איך מאַך זיך כלומרשט ניט ווייסנדיק און ניט זעענדיק. זי הערט מיר ווי די קאַץ... מאַכט אַ הנדעלע און באַגלייט מיט איר קול'כעלע: מיאַ! און רחמנותדיק גיט זי זיך אַ קרים און בלייבט שטיל פונקט ווי איך זאָל וויסן, אַז איר רחמנות פנים וועט עפּעס פועלן ביי מיר.

און זי פועלט טאַקע. איך גיב איר אַ קוק אָן. זי ענטפערט מיט אַ פינטל מיטן אויגל. לאָזט אַרונטער דאָס קעפּל און קוקט אויף ד'ערד.

— שעמט זיך! — טראַכט איך — זי שעמט זיך פאַר זיך אַליין פאַר־וואָס זי דאַרף מיר אַזוי שמייכלען. און אפשר איז איר ניט אָנגענעם אָנצו־קומען צו אַ מענטשן?....

איך גיב איר אַ וואָרף אַ שטיקל טרוקן סקאָרינקע. גיט עס אַ שמעק, אַ שאַר מיטן פיסל, רירט עס ניט אָן מער מיט די ליפּן, כמעט אַ בליק אויף מיר און באַלעקט זיך ביידלעך ווי זי וואָלט טראַכטן: אַ מענטשנס נאַב. אַט פאַר דער סקאָרינקע דאַרף איך דיר חנפ'ענען? און טרייסלט זיך אָפּ.

מיך פאַרדריסט דאָס אביסל. זי האָט פונקט מיר געטראָפן מיטן אמת איןביין אַריין. פע, אַ גראָבקייט פון איר זייט. וואָס האָט זי מיר פאַרוואָרף צו מאַכן? איך בין דען מחויב איר צוהאַלטן אויף קעסט? שלאָגט זי מיר איבער מיט אַ לענגערן מיאַו. און באַווייזט מיר אירע בלי־זיין: עטלעכע ווייסע שפּיציקע ציינדלעך מיט וואָס זי אַרבעט פאַר מיר.

— גערעכט! — גיב איך אַ טראַכט — אַ מע וואָלט באַדאַרפט באַשעפ־טיקן אַ מענטשן צו איר אַרבעט ווער וויים וויפל עס וואָלט געקאָסט. אָן איינ־פאַכער פשוטער מענטש וואָלט דאָך אַזאַ אַרבעט ניט געקענט. מע וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ „ספּעץ", וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ וועטעריאַנע שול, מיט אַ דיפּלאָם און מיט אַ טיטול... זי, אָבער, דאַרף די אַלע ידיעות ניט. זי טוט איר אַרבעט כשר, איבערגעבן און ערלעך. זי פאַרהיט מיר פון די מזיקים. אָן אַ דיפּלאָם. זי ווערט אַ תליון צוליב מיר. אמת טאַקע, אַז צו תליון־מלאכה איז ניט נאָר שווער צובאַקומען אַ מענטשן... דאָס קען זיך פאַרגינען דער שטאַאַט אָבער ניט איך.

שאַ! פאַלט מיר איין אַ געדאַנק — ווי באַלד זי איז אַזאַ חיה מיט אַזאַ האַרץ און אַזוי בלוטדורשטיק קומט איר ניט קיין הילף, בין איך ניט מחוייב איר אויסצוהאַלטן מיט עסן, טרינקען און אָפּרו.

איך קער אָפּ פון איר דעם קאָפּ און נעם זיך צו מיין חלק פלייש.

גיט זי אַ הייב אַ פּיסל, לאַנגזאַם און ווי מיט דרך־ארץ גיט זי מיר אַ משעפּע. איך מאַך זיך ניט וויסנדיק. גיט זי מיר ווידער אַ ריר אָן. איך שנייד מיין חלק פלייש, צום דריטן מאָל האָט זי מיר מיטן פּיסל אַ טיפּן פּאַרק געטאָן אין קני, אַזש איך האָב דערפילט אירע נעגל...

גיב איך איר אַ טרייב אָפּ: „סקיץ"! עפנט זי דאָס אויף מיר אַ מויל און גלאָצט אויס אויף מיר אַפּאָר אויגן און דערלאַנגט אַ הויכטאָניקן „מיו", אַז איך בין שטייף געבליבן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי מאַכט מיר פאַרוואורף:

— אַזוי, אַזוי צו געבן געפינסטו מענטש חשבונות מיט תירוצים? מיאו

— לאָז דיינע חשבונות אויפן נאָכן עסן, דערווייל מיאו, גיב, מיא — גיב!

איך שנייד אָפּ אַ פּיצל פלייש פון מיין חלק און גיב עס אַ וואָרף צו איר. זי ניט אַ שמעק, אַ כאַפּ צווישן די ציינדלעך מיט רציחה, גיט עס אַ טרייסל, אַ שלונג אריין און ווי אויף דער וועלט ניט געווען. זי הויבט ווידער אויף אירע גרינע אויגן צו מיר און קוקט מיט מער אַפּעטיט.

דערהערט זיך עפּעס אַ שאָרך אין אַ ווינקל פון אַ שטיקל פּאַפּיר, שטעלט זי אָן אַ פּאָר שפּיציקע אויערן, מאַכט שטייף די וואָנצן, לייגט זיך פלאַך און איינגעבאָרטשעט אויף ד'ערד, און איר פּנים דריקט אויס אַ באַהאַלטענעם כעס קאַפּאַבעל להשמיד ולהרג...

מיר ווערט דאָס שטאַרק געפעלן, אַזאַ ערנסטקייט! אַזאַ איבערגעגעבנהייט צו איר אַרבעט. זי דיינקט ניט פון איר כעס צו מיר אין צייט פון סכנה, ווען שונאים ווילן מיר באַרויבן. איך גיב איר דערפאַר נאָך אַ שטיקל פלייש. זי איז פאַרטראַכט און דערזעט דאָס ניט... איך מאַך איר דערויף אויפמערקזאַם. זי גיט מיר אַ פינטל מיט די אויגן ווי איינער זאָגט: גוט, איך זע, שפּעטער, זאָל די סכנה אריבער...

און די סכנה איז אריבער. זי הערט מער ניט קיין שאָרך. טרעט זי צו צום שטיקל פלייש, גיט עס אַ לעק מיטן צינגל און פאַרשלינגט דאָס ניט געקייטערהיים...

פריינטלעכער דערנענט זי זיך צו מיר, גיט אַ גענעץ און אַ גלעט מיטן וויידל. בלייבט שטיין פאַריסן דאָס קעפּל און קוקט מיר ווידער אין די אויגן, ווי זי וואָלט ציילן מיינע ביסענס פון מויל.

— עפּעס רחמנות! — טראַכט איך זיך — דען זעט זי ניט, אַז איך'ל בלייבן אַ הונגעריקער ווען איך זאָל איר אָוועקגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל? פע. אַזאַ פרעסערקע פון אַ קאַץ!

נאָר איר הומערט נאָר ניט וואָס איך טראַכט און גיט מיר אַ זאָג אָן



מיט אַ „מיאו": באַצאָל מיר פאַר מיין אַרבעט. און אפילו ווען איך אַרבעט ניט האָסטו אויך הנאה, איך בין דיין שומר פון די מזיקים...

— אמת, — טראַכט איך זיך — איך האָב דאָך טאַקע הנאה, זי איז געראַכט, אומזיסטיקע הנאה איז רויב... גיב איך אַ וואָרף דעם לעצטן ביסן פלייש מיט אַ קללה דערביי: נאַ, פרעס און ווער דערוואָרגן... אָבער פאַרוואָס קומט דאָס איר? אמת, איך האָב ניט נענוג, איז וואָס איז זי שולדיק?

און אַזוי ווי זי האָט מיר יעדן טאָג צוגענומען אַ היבשן טייל פון מיין מאָלצייט, און אפשר וויינען מיר ביידע הונגעריק געבליבן. האָב איך אויס רחמנות, צו מיין רייכן שכן זי אוועקגעשאַנקן. אַביסל האָט עס מיר פאַרדראָסן, ווייל מע שיינקט ניט דאָס וואָס איז זיך איבריק... נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָס דאָך געטאָן צוליב איר טובה איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

ביי מיין שכן האָט זי באמת געלעבט אַ גוטן טאָג, ס'האָט איר ניט געפעלט קיין בראָטן, אַ שטיקל עוף אין מיטן מיטוואָך, אַ גוט שטיקל פיש און אַ ביסל מילך צו פאַרזופּן. מע האָט איר געהאַלטן ניט ערגער פון דער דינסט, פון דער קעכין אָדער פון די אַרבעטער.

האָט אימיצער אומגערן איר אָפּגעטראָטן אַ פּיסל האָט די רייכע שכנה ספּאַזמעס געקראָגן פון איר קוויטש און רחמנות. נאָר ווען די קעכין האָט זיך אַמאָל פאַרברענט אַ האַנט האָט זי איר גוט אויסגעזידלט פאַר איר אומגעלומפּערקייט...

די ערשטע צייטן פלעגט מיין קאַץ מיר קומען באַזוכן כמעט יעדן אָונט. דאָס האָב איך ניט געקאָנט פאַרטראָגן. דאָס איז זער פאַלש געהאַנדלט. פון וועמען מע מאַכט אַ לעבן, ביי יענעם דאַרף מען אַרבעטן... איך האָב ניט געוואָלט קיין אומזיסטע הנאה. פלעג איך איר טרייבן פון זיך. טרייבן. נאָר זי ווי ניט איר מיינט מען דאָס. זי האָט מיר איין מאָל אין שמאַרקן כעס אריינגעבראַכט האָב איך איר פון אַלע טרעפּן אַראָפּגעשליידערט. בעת־מעשה האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד. מיט אַזעלכע תנועות. פּונקט ווי זי איז נאָך געראַכט. מילא, מער האָב איך איר שוין ביי מיר ניט געהאַט.

ווען איך האָב איר אין עטלעכע וואָכן אַרום באַגעגנט איז איר גאָר ניט געווען צו דערקאָנען. פעט געוואָרן ווי איר בעל־הבית'טע, אָנגעבלאָזן ווי איר בעל־הבית... איך האָב געוואָלט מיט איר אַ שמועס טאָן אַ ווײַלע, האָט זי דעם קאָפּ אָפּגעדרייט פון מיר, איר ווײדל אויפגעהויבן און פּאַמעלעך, ניט קוקנדיק אויף מיר, אַוועק ווי זי וואָלט מיר קיין מאָל ניט געקענט.

— אַזוי, אַזוי — טראַכט איך — אַזוי פאַרגעסט מען אַ טובה?...

דערפאַר אָבער, איז מיין רייכער שכן פריינטלעך געוואָרן. ווען איך האָב אים באַגעגנט האָב איך אים „גוט מאָרגן" געזאָגט און ער האָט געענטפערט...

## אברהם פנחס ציקערט

### דאָס ליד

אַלץ איז אַ ליד, דו הערסט נאָר נישט זינגען,
ווייל גיפּט פונם לעבן האָט דיך גיריק פאַרשלינגען.
גייסטו ווי אַ בעטלער, ביז צום טאָג פון דיין שטאַרבן,
ביסט פרעמד פאַר די קלאַנגען, ווי אַ בלינדער פאַר פאַרבן.

אַלץ איז אַ ליד, אויך דאָס קלינגען פון קייטן,
ס'איז פונקט ווי אויף פעלזן פאַרקריפּלטע קווייטן,
ס'איז קלאַנג צו דער פרייהייט, ס'איז ווילן און שטרעבן,
אַ פאַרקריפּלטע בלום, וועלכע רייסט זיך צום לעבן.

אַלץ איז אַ ליד, אויך דער כאָבֿרל פון גסיסה,
ווען דער טויט אינדערלופט אַ וואָרט פאַר דיר פליסטערט.
דו ווילסט נאָר נישט הערן, פאַרשטעלסט דיר די אויערן,
דו שעמסט דיך ווייל דו ביסט אין גסיסה געבוירן.

אַלץ איז אַ ליד, אויך ס'גערויש פון מאַשינען,
ס'געוואַנג פון דעם לעבן, פון ברויט און פאַרדינען,
דאָס ליד פונם אמת, וואָס טריפט אויס געוויין,
נאָר דו ביסט נישט קלוג גענוג, אַז זאָלסט פאַרשטיין.

אַלץ איז אַ ליד, אויך דער גאַנג פון די צייטן,
וואָס קומען, פאַרגייען, פון ווייטן אין ווייטן,
דו קענסט נישט פאַרהאַלטן די צייטן אַקאָרדן,
נישט דורך דיין ליבע, נישט אפילו דורך מאָרדן.

אַלץ איז אַ ליד, דו אַליין ביסט אויך דרינען,
ביסט דער טאָן פון דיין לעבן, האָסטס צומאָל נישט און זינען,
ווייל גייסט ווי אַ בעטלער פאַרמאַטערט און מיד,
ביסט טויב און דו הערסט נישט און דאָך ביסט אַ ליד

### פון דער פּאָעמע „די פידל"

* * *

וואָס איז דען די סטרונע? פון פידל דער אָדער.
נעדערים פון שעפּסן, געצויגן ווי פאָדעם.
אַ צי מיטן בויגן. אַ דרוק מיטן פינגער



צווינגט אים, דעם אמת פון זיך אויסצוזינגען,
וואָס ברענגט דיר די דורות פון קבר צו שלעפּן.
שטייט אויף אין געדאַנקען אַ חלום פון לעבן.
פאַרבונדט זיך נשמה מיט עפּעס אַ ציל.
פרעגט שטום דיך די פידל: נו, ווייסטו וואָס כ'וויל?

וואָס איז דען דער קערפּער? דאָס האָלץ און די לופט,
אַ שטילינקע לעבן אין אַ מיידלישן גוף,
וואָס ווערט פון דעם פידלער געצערטלט ווי אַ קינד.
איז וואָס, אַז נשמה פאַרבלאָנדזשעט אין ווינט?
איז וואָס, אַז אין ספק ווערט ס'לעבן צעטיילט?
אַמאָל וועקט אַ ווילן און פידל דערציילט —
נעדערים פון שעפּסן, אויף אַ מיידלישן גוף,
פאַרהאַנען אַ לעבן, וואָס מאָנט און וואָס רופט.

* * *

פאַראַנען אַ לעבן,
פאַראַנען אַ וועלט,
פאַראַנען אַ צייט
וואָס בענטש און וואָס שעלט.

פאַראַנען אַ ים,
פאַראַנען אַן ערד,
פאַראַנען איז ווער
וואָס זעט און וואָס הערט.

פאַראַנען אַ לאַנד,
פאַראַנען אַ שטאָט,
פאַראַנען אַ געדאַנק
וואָס מענטש רופט אים — גאָט.

פאַראַנען אַ טאָג,
פאַראַנען אַ נאַכט,
פאַראַנען אַ צייט
וואָס וויינט אָדער לאַכט.

פאַראַנען אַ פרייד,
פאַראַנען אַ פידל
פאַראַנען אַ שרעק,
וואָס פרעגט דיך און וועקט.

א. קיפּנים

# די ברכה

(דערציילונג)

עפּל קאָן מען קויפן, עפּל און בארן קאָן מען האָבן אייגענע. ס'איז דאָך ממש א פריידָ אָנצוקוקן דעם בוים, א באַשפּרענקלטן מיט רויטע בלישטשענדיקע ווײַנשל, מיט שוואַרצע קאַרשן, און אויב שוין גאָר א בוים, וואָס איז באַלאָדן מיט גרויסע גרינע עפּל צווישן די בלעטער, צווישן די צווײַגן, קוקסטו אויף אים און קענסט זיך זאַט ניט אָנקוקן: צווייג און צווייג און זײַנע עפּל, בוים און בוים און זײַן אייגענער באַהאַלטענער סאָד. (ס'איז דאָך באמת א רעטעניש, פאַרוואָס האָבן זײַנע עפּעלעך זייער באַזונדער ווייכקייט, זייער אייגנאַרטיקן טעם און זייער ריח!)

בלויז לויטן קאָליר און לויט דער גרויס קענסטו דערקענען, ביטע: אָט דאָס זײַנען פּעפּענקעס, אָט דאָס זײַנען גרויסע ווינטער־עפּל, אָט די — א זײַנען אַנטאָנאָוועקעס און אָט דאָס איז דופּטיקער ראַנעט. אויך אַזוי די פּלוי־מען מכּל המינים, און אַזוי די בארן אַלערליי: קאַשע־באַרן, בערע־באַרן, צוקראָוועקעס, פּאַנעלעך. יעדערע האָט זיך איר גרויס, איר טעם און איר ריח.

לאה דאַבריש, די אַלמנה, אָדער לאה לוואָוונע, ווי מ'האָט זי דערנאָך גערופן אין שטאָט, האָט זייער ליב געהאַט איר בוימער־גערטל, ניט ווינציקער, ווי דעם אַלטן אויוון אירן מיט דעם גאַנצן הויז־סאָד אין שטוב. זי האָט יעדעס בוימעלע געבאָוועט, ווי א ליב און נאָענט באַשעפעניש.

בשעת די קינדער זײַנען נאָך געווען קליינע, האָבן זיי איר פון מאָל צו מאָל געהאָלפן, מיט זיי איז געווען פריילעכער. נאָר אַז זיי זײַנען אונטערגעוואַקסן און נאָכדעם אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, פריער לערנען און דערנאָך אַרבעטן, האָבן זיי זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער היים.

ביטערדיק זײַנען זיי געווען בא איר. — ס'איז דאָך ניט שייך זאָגן, איין זון מיט איין טאָכטער, — דער גאַנצער מאַיאָנטעק אירער. זיי שיקן דוקא בריוו, זיי שיקן געלט, זיי זאָגן צו קומען אויף אָפּרו, אויף א וואָך, אויף א חודש, אויף א טאָג, נאָר אַלע מאָל קומט אונטער אַן אַנדער מניעה.

וויפל טעפּ ווײַנשל האָט זי שוין פון זייערטוועגן אויסגעפּרעגלט. וויפל גאַליוועקעס געשטעלט, וויפל מאַלינעס אָנגעטריקנט. אַלץ פון די קינדערסוועגן, און זיי האַלטן זיך אין איין קלייבן. ביסט א מבין וויפל יאָר אַז מע קלייבט זיך? מאַטליע, זאָל לעבן, האָט חתונה געהאַט פאַר א קאָמאַנדיר און זיי האָבן שוין צוויי מיידעלעך, זיי זאָלן איר זײַן געזונט; באַרע לערנט ערגעץ אין אַן אַקאַדעמיע — אויך א מיליטערישע און האָט שוין אויך א ווײַב מיט א קינד.

כאָטש קענען די שנור, כאָטש קענען דעם איידעם?!... נאָר קאַרטעס און קאַרטעס, בריוועלעך און בריוועלעך. שוין א פולער שופלאָד מיט בריוועלעך! און דאָ איז אַקוראַט אַרײַן די מלחמה.

דער איידעם — א גענעראַל — האָט זיך שוין ערגעץ געשלאָגן מיט די דײַטשן. דער זון איז שוין אויך ווייסעך־וואו און זי אַליין, לאה דאַבריש, לאה



די אַלמנה, הייסט עס, האָט זיך אויף דער עלטער געמוזט אופהויבן שיער ניט אָן א זײַ געזונט און זיך אַוועקלאָזן אין דער ווײַטער גרויסער שטאָט אַרײַן. אויף וואָס — אויף וואָס, אויף דעם האָט זי זיך בפירוש קיינמאָל אין לעבן ניט גערעכט.

זי וואָלט דען אַליין אַהין געטראָפן? — אייסעך־וואָס. נאָר ס'איז געקומען נאָך איר א נאַראָטשנער שליח מיט א בריוו פון דער טאָכטער, די טאָכטער גייט אַוועק אויף גאַנצע טעג אין שפּיטאָל אַרײַן, באַדאַרף מען עמעצן, אַן אייגענער מענטש זאָל זײַן מיט די קינדער. און ווײַטער, שרײַבט זי, איז הײַנט אַזאַ צײַט, אַז מע טאָר ניט זײַן ווײַט איינער פונעם אַנדערן.

לאה דאַבריש האָט געבעטן אין דאָרפראַט מע זאָל דאָ אַכטונג געבן אויף איר שטוב איר האָט זיך געדוכט, אַז יעדער בוים, ווי א לעבעדיקער, קערט זיך אוים צו איר און בעט זי, זי זאָל אים ניט איבערלאָזן.

דער פאָרזיצער פון דאָרפסראַט האָט איר געזאָגט:

— ניט געזאָרגט, באָבינקע, אויב מירן נאָר אַליין בלײַבן גאַנץ, וועט דײַן גאָרטן אויך זײַן גאַנץ.

---

אין מאָסקווע אין גענעראַלן־הויז, אויפן דריטן שטאָק, האָט לאה לוואָוונע געזען פונעם פענצטער איין בוים א גרויסן, אין דאָס ניט בא זיך אין הויף, נאָר פון יענער זײַט פּאַרקן, בשכנות. זי האָט אָבער קיין צײַט ניט געהאַט לאַנג צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם. אַזאַ צײַט איז עס שוין געווען. מענטשן האַלטן אין איין קומען צו פאָרן און אַוועקפאָרן. מע הערט זיך אָן גענוג. דער עיקר איז דאָס לויפעניש בשעת ס'הויבט אָן שיסן. די מויערן הויבן אָן אַרומגיין כּאַדאָראָם. די כלים טרייסלען זיך אין די שאַפעס, און ס'ווערט, באַהיט זאָל מען ווערן, אַזאַ יאָגעניש איבער די טרעפּ, אַז זי ווערט נעבעך אוים מענטש. זי האָט מיט זיך אָנגעהויבן מיטנעמען א ווײַס העמד, טאָמער חלילה עפּעס וואָס, טאָ זאָל מען זי כאָטש איבערטאָן אין ווײַסן. ערדציטערנישן... אַמאָל פלעגן זײַן מלחמות, פלעגן זיי זײַן ערגעץ ווייסעך־וואו, און דאָ איז עס שיער ניט אין שטוב בא דיר.

ס'איז אָפּגעגאַנגען איין האָר זיי זאָלן שוין פונדאַנען אויך אַוועקפאָרן, נאָר די טאָכטער האָט אַלץ אָפּגעצויגן ביז דער לעצטער מינוט, און אין דער לעצטער מינוט, האָט מען זיי, די דײַטשן אָנגעהויבן קלאַפּן און געבן דעם וועג פון אַהינטער מאָסקווע אַזוי לאַנג און אַזוי געטריי, ביז אונזערע זײַנען אַרײַן אין בערלין. באַרע, דער זון לאה לוואָוונעס, איז נאָך ביז איצט אין בערלין... איין און איינציקן מאָל געקומען צו פליהען אויף אַן עראָפּלאַן זיך זען מיט דער מאַמען. טאַקע קיין עין הרע א העלד. דעם קאָפּ דאַרף מען פאַרייסן, מען זאָל אויף אים א קוק טאָן. דער פאָטער, עליו השלום, האָט אפילו אין חלום זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַזעלכעס:

און די שנור מיט די אייניקלעך קען זיך נאָך טאַקע עד היום ניט. אַלץ

בריוולעך און בריוולעך. „דאָראָגאַיאַ מאַמאַ" און „דאָראָגאַיאַ באַבושקאַ". מען קאָן מיט זיי שוין זאַט זיין, מיט די בריוולעך...

און אַהיים צו זיך כמעט ווי זי בענקט שוין ניט. אַ מענטש, וואו מע זעצט אים ניט אוועק — דאָרטן איז זיין היים. בפרט נאָך לעם די קינדער און מיט אַזאַ כבוד... אַמאָל גאָר, אַז זי טוט זיך אָרום מיט אַלע אַרבעטן און שטייט אַביסל לעם אָפענעם פענצטער, דוכט זיך איר, אַז אָט איז זי דאָ און אַ ביסל ווייטער קען זיין איר שטוב און איר סעדל און די ביימער רופן זי. און זיי וואַרטן אויף איר. ס'וואָלט שוין טאַקע געווען אַ גלייכע זאַך זיך דערלאַנגען אַהין. צו וויפל זאַכן האָבן זיך שוין די מענטשן דערטראַכט, נעבײַ וואָלט מען נאָך צוטראַכטן, וויאַזוי מע זאָל צונויפרוקן איין אָרט מיטן צווייטן, ס'זאָל ניט זיין אַזאַ ווייטעניש... די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט. אַמאָל אין אַ זונטיק, אַז דער אײדעם האָט נאָר צייט, קומט צו פאָרן אַ מאַשין און זיי פאָרן אַלע אַרויס הינטער דער שטאָט, טאַקע צו ווי אין לאַגער אַריין. דאָרט איז באַטש דאָ מיט וואָס אַן אָטעם טאָן אין אַזעלכע היצן!

און ערשט דאָ טוט זי אַ קלער. וויאַזוי איז עס דאָרטן איצט בײַ איר אין דאָרף? צי איז דער ברונעם ניט פאַרשאָטן געוואָרן פון די אָנגעפאַלענע בלעטער? צי איז דער דאַך ניט אויסגעזשלאָבעט געוואָרן, אַזוי לאַנג אָן אַ דאָהליאַד. און די ביימער — ס'זאָל זיי באַטש ניט באַפאַלן דער וואָרעם.

טרעפט איינמאָל אַ מעשה. אָט ווייס איך אפילו ניט, צי זאָל איך אין דרינען גלויבן, אָדער ניט. לאַח לוואָוונע גלויבט אויך אין דעם ניט שטאַרק. נאָר ס'איז איר ליב פון דעם צו הערן און עס געדענקען.

פימע קאַסראַי, דעם אײדעמס אָרדינאַרעץ איז איינמאָל געפאָרן מיט אַ שליחות אויף אוקראַינע. זאָגט ער צו איר:

— ווייסט איר נאָר וואָס, באַבושקע? איך וועל נעמען בײַם גענעראַל אַ דערלויבעניש און וועל אין איינגאַנג פאַרפאָרן צו אייך אין דאָרף אַריין. איך וויל אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך מיט אייער שטוב, וואָס מאַכט אייער גאָרטן?

— הערסט אַ מעשה, — ענטפערט אים לאַח לוואָוונע, — ס'זאָל מיר אַרויס פון געדאַנק אַזאַ זאַך. איך האָב דאָך דיך אַליין די גאַנצע צייט געוואָלט בעטן וועגן דעם. זאָלסט נאָר צוגיין אין דאָרפראַט און נעמען די שליסלען... און די צווייגן... מע דאַרף אַרומקוקן די צווייגן, צי ס'זיינען נימאַ קיין אַרומגעבראָכענע...

פימע איז אַ יונגער מענטש, זער אַ בראַווער יאַט, לעבעדיק און קלוג און אין שטוב האָבן אים אַלע ליב. אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט לאַח לוואָוונע נאָך אים געבענקט, ווי נאָך אַן אייגענעם. און אַז ער איז געקומען, האָט ער גענומען טראָגן אין שטוב אַריין זעק און זעקלעך. קלומקעס און קוישן, טעפּלעך און סלויען... פרישע עפּל און פרישע באַרן, ממש ווי פון בוים אַראָפּ, פאַרשקעם אַזעלכע. וואָס זי האָט בײַ זיך נאָך גאָר נישט געזען אַזעלכע. אַ פּאָר ביימעלעך האָט זי דווקא איבערגעלאָזט דאָרט, פאַרן אַוועקפאָרן. נאָר זיי זיינען



נאָך געווען יונגע. נו, הײַנט געטריקנטע אויבסטן און יאַנגערעס אַלערליי, און איינגעמאַכטס, און ווישניאַק. און די צייט איז גאָר אַ ווינטערדיקע, ביז פרילינג און ביז בליאונג איז פאַלג מיך אַ גאַנג.

ווען פימע האָט זיך אָפּגעפאַרטיקט מיט אַלע אַרבעטן, מיט אַלע ראַפּאָרטן וועגן זיינע שליחותן, איז ער תחילת־אָוונט אַריין צו איר אין צימער. לאַח לוואָוונע איז געזעסן און געוואַרט אויף אים מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און ער, פימע האָט זיך אַעקגעזעצט אַנטקעגן איר מיט אַ פריילעכן פּנים און שווייגט.

— נו דערצייל שוין אַמאָל, — איז זי אים באַפאַלן.

און אָט וואָס פימע איז איר אַ בעלן געווען צו דערציילן:

אַז ער איז געקומען אין דאָרף אַריין, האָט ער געטראָפן אַלע דעכער ווי געוויינטלעך ווינטער, באַדעקט מיט שניי, די ערד אויך, די פּלויטן אויך. מיט דער איינציקער סטעזשקע איז ער אַוועק אין דאָרפראַט. דאָרטן האָט מען אים אָן שום רייד אָפּגעגעבן די שליסלען. זיי האָבן נאָר געפרעגט וואָס מאַכט לאַח לוואָוונע. וועגן דעם אײדעם דעם גענעראַל און וועגן דעם זון דעם פּאָלקאָווניק האָבן זיי געלייענט אין די בלעטער.

נו, און די שטוב — זאָגן זיי — איז גאַנץ. דער גאָרטן איז גאַנץ. נאָר אַמאָרנע זאַך — זאָגן זיי, — זינט די באָבע איז אַוועקגעפאָרן, שטייען די ביימער יאַלאָווע. ניט קיין בליעכץ, ניט קיין פרוכטן. פונקט ווי עמעצער וואָלט זיי פאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס.

לאַח לוואָוונע זיצט פאַרגאַפט. זי שלינגט יעדעס וואָרט. און פימע, אַז ער דערציילט עפּעס, דערציילט ער לעבעדיק, דו זעסט עס ממש פאַר די אויגן.

— נו, ניט, — זאָגט ער, — פאַרשטיי איך שוין, וואָס איך האָב צו טאָן.

קורץ פון דער זאַך. ס'איז געווען שוין תחילת אָוונט ביז ער איז געקומען, ביז ער איז אָפּגעשלאָפן. ער גייט אַריין אין הויף, אין סאַד אַריין — שניי אויף די ביימער, שניי אויף דער ערד. הויך, הויך אָנגעשאָטן און אָנגעפרוירן, אַ סימן, אַז קיינער איז ביז אים דאָ פאַר דער גאַנצער צייט ניט געווען. און ס'פאַרגלוסט זיך אים אויף אַ ציקאַווועסט אַ זאָג טאָן:

— הערט, ביימער! די באָבע, לאַח לוואָוונע, האָט אייך געלאָזט גריסן נאָר פריינטלעך יעדערן באַזונדער!...

וואָרום אין אמתן טאַקע, ער האָט זיך קאָרג אָנגעהערט פון איר וועגן יעדן בוים, וועגן יעדן קוסט. ער ווייסט דאָך שוין אויף אויסנווייניק, וואו יעדערער פון זיי געפינט זיך!

און שטעלט אייך פאָר. ער האָט ממש ניט געגלויבט זיינע אויגן — אַ וואַרעמער רעך האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן גאָרטן. דער שניי האָט זיך אָפּגעשאָטן פון די ביימער ווי אַ שאָלעכץ. די קאָרע האָט אין זיך אַ צי געטאָן לעבעדיקע זאַפטן און די ביימער האָבן זיך אין איין אויגנבליק באַדעקט מיט בראָנקעס, מיט בלעטעלעך. זיך באַצווייגן מיט בליעכץ. באַלד האָבן זיך

פּרוכטן געטומען אויסבילדן, וואַקסן, צייטיקן און זיך אָנגיסן מיט זאַפטן.

נאָך אַ נס, וואָס ער האָט געהאַט אונטער דער האַנט זעק מיט קוישן, מיט טאָרבעס, מיט בידאָנעס. ער ווייסט גאָר ניט, וויאַזוי איז עס אים איינגעפאַלן מיטנעמען מיט זיך אַזעלכע זאַכן.

— און אַזוי ווי איך דערצייל אייך — א י נ ס נ אָ ך א י נ ס פינף גערעטענישן אויפגעקליבן פאַר אַלע פינף יאָר ! ! פּונקט ווי ס'מאַכט זיך אַ זייגער, וואָס מע האָט אים לאַנג ניט אָנגעצויגן, און אַז מע דערמאָנט זיך אין אים, קלאַפּט ער אויס, איינס נאָך איינס אַלע שעהן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען פאַר דער צייט, וואָס ער איז געשטאַנען, קיין איינע ניט פאַרפעלט, אפילו. מיט די האַלבע און פערטל שעהן, ווי עס גייט אָן בא אַ גוטן זייגער...

זי בעט אים, ער זאָל איר אויסזאָגן, וויאַזוי איז עס טאַקע אין אמתן דאָרט געווען ? וואָס האָט ער דאָרטן געטראָפן בא איר אין דער היים און ווער האָט עס אים אָנגעגעבן אַזויפיל פרישע אויבסטן פּאַרהיטע ? אפשר האָט דער דאָרפסראַט עמעצן דאָרט אוועקגעזעצט אַ געטרייען מענטשן. ער זאָל אַכטונג געבן ?

און פימע — איין מאָל ניין.

ער האָט שוין אפשר הונדערט מאָל דערציילט די מעשה מיטן גאָרטן, וואָס האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט דער באָבעס גרוס, אַז ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן פון זיך אַלע פינעף גערעטענישן איינס נאָך איינעם. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט בלייבן אָן הענט קלייבנדיק.

די באָבע האָט פאַר דאַנקבאַרקייט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן דאָזיקן פימען. ער זאָל עסן. ער זאָל טרינקען, ער זאָל נעמען אַ ביסעלע בראָנפן.

זי איז שוין, פאַרשטייט זיך, די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. געלעגן און געקלערט. און אַז מע קלערט, דערקלערט מען זיך צו עפּעס. און אויף מאָרגנס האָט זי ווייטער געכאַפּט פימען. ער איז געזעסן אַנטקעגן איר, ווי אַ ליב געטריי איינקל, און איר גאָר געקוקט אין מויל אַריין.

— הער מיך אויס, — האָט זי אים געזאָגט, — אייב קיינער פון די קינדער וויל זיך ניט אָנשלאָגן נאָך מיין שטוב, ביסטו דאָך בא מיר אויך ניט קיין פרעמדער. דערום איז מיין רצון אַזאַ. אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, זאָל עס אַלצדינג זיין דיינס... און אַריינקלייבן זיך אַהינצו מעגסטו אפילו היינטיקן טאָג, אייב מע וועט דיך נאָר אָפּלאָזן.

און דער באָבישעס פּנים איז געווען ערנסט און שטרענג.

איר ווייסט נאָך קיינער ניט, וויאַזוי פימע האָט ליב פעלד און גאָרטן, וויאַזוי עס שמעקט אים יעדעס פרוכטבאַר ווינקעלע ערד ? ! ווען איר ווייסט עס, וואָלט איר זיך כאַטש אַ ביסעלע פאַרגעשטעלט, וויפל און וואָס די באָבישע האָט אים פאַרשאַפט מיט אירע איצטיקע רייד.

— איצטער, — זאָגט ער, — קלער איך, אַז מ'וועט דאַרפן לאָזן די בוימער זיי זאָלן זומער בליען און ווינטער זאָלן זיי רוען. איין זאַך איז באַלד



נאָך אַ מלחמה און אַ צווייטע זאַך איז אין יאָרן פון שלום.

...ער וועט זיי נאָר פון מאָל צו מאָל זאָגן : — הערט בוימער, די באָבע לאָזט אייך גרוסן. ס'קאָן זיין, זי וועט נאָך אַליין קומען אויף אייך אַ קוק טאָן.. נישקשה. זיי וועלן אים פאַר אַזאַ מין זאַך אָפּדאַנקען אין יעדער צייט. און אַז ס'וועט נאָר זיין צייט, האָט זיך פימע פאַרטראַכט, וועט זיך אפשר דער גענעראַל אַליין אויך אַראָפּכאַפּן מיט מאַטילדע יעווסייעוונע, מיט ווערען און סימען. דאַן וועט ער זיי פאַרפירן אינעם שענסטן צימער מיט די געפאַרבטע פענצטער. „איר ווייסט, באָבעשי... דאָרטן וואו ס'בליט דער בעז און ס'וואַקסן די מאַלינעס...

— איך ווייס... — האָט אים לאַה לוואָוונע געענטפערט און זיך אויך אַ רעגעלע פאַרטראַכט... — ווי דען, איך ווייס ניט ?...

(צוגעשיקט פון מאָסקווע)

## א. נ. שטענצל

# רבי דודל לעלעווער
(די באַלאַדע פונם „חווה"ס אויגן)

ו

ווער האָט ר' דודלען אין לעלעוו נישט געקענט,
איינמאָל געברויכט צו זען נאָר זיינע אויגן ;
דער גאַנצער פּאַרדרום, אַלע פאַרביטערנישן,
האָבן זיי פון האַרצן אַרויסגעצויגן.

ווי שפּילנדיקע קינדער האָבן די בליקן
אַרויסגעקוקט פון הינטער זיינע ברעמען,
און האָט מען צו זיי דאַנקענדיק אַרויפגעבליקט,
האָבן זיי זיך גאָר געטון פאַרשעמען.

און אַ גאַנצן טאָג געהאַט האָט ער וואָס צו טון :
דאָ עמער וואַסער פערד אונטערצוטראָגן,
דאָ אַ שביב־מרע, אין די לעצטע מינוטן,
אַ שטיקל „מעבר־יבוק — אונטערצוזאָגן.

אין בית־המדרש, אויפן מאַרק, אויפן בית־חיים,
און וואו האָט מען אים נישט געטראָפן ?
אַרויסקומענדיק פון שטעטל אויף דער לאָנקע,
זיינען אים די לאַשעקלעך נאָכגעלאָפן.

אַ פרייליכער טימנעהירזשעט האָט ער מיט זיי,
ווי דעם „ברוך שמו"־מיט די חדר־קינדער!
דערזעענדיק אים, אינמיטן זייער געשלעג
צעקושט זיך דער שבת־גוי מיטן שינדער.

יאָ, בעסטע פריינט זיינען געוואָרן צווישן זיך
דער קצב מיטן מ'רוק, דעם מנקר!
און ביי יעטווידן אָרעמען חולה אין שטוב
איז ער אי דער רופא, אי דער מבקר.

אַז אַ פסוק תהלים לייגט זיך אים אויף דער צונג,
שטילט עס דאָס האַרץ ווי אַ קינד ביים אָפּזויגן;
פונקט ווי די ציענדיקע „ד" פון אחד,
גאַנצע מעת־לעתן וואָלט ער אים געצויגן.

ווען נישט דער צעקוישטער מאַרק, וואָס רייסט אים איבער,
מיט פאַרדאַרשטיקטע פערד, מיט פאַרזאָרגטע יידן,
און מיט באַגעגענישן מיט אליהו'ן
ווען ער דרייט זיך אַרום אויף די ירידן —

II

איבער האַרבסטיק פאַרגאָסענע תבואה־פעלדער,
איבער טייכן פון ווינטן צעאַקערטע,
האָבן אים געצויגן פאַרפיר־ליכטלעך ווייטע —
שוואַרצע אַפּלען רויכיקע, צעפּלאַקערטע — —

די צוויי גליאיקע מענטשלעך וואָס אין זיי,
זיינען גרוים פאַר זיינע אויגן געשטאַנען,
ביז זיי האָבן אים אינדערמיטן גענומען,
און געשפּאַנט מיט קפיצת־הדרך שפּאַנען.

מיט איין שמע־ישראל פון לעלעוו ביז לובלין,
ווי אויף פלינקע אָדלער פליגל געפלויגן!
נאָך איידער ער האָט מיטן ד' פון אחד,
פעסט צוזאַמענגעקוועטשט זיינע צוויי אויגן — — — —

„ווילסט זיך רק באַהאַלטן הינטער דיין דורל,
און אויף מיינע פּלייצעס אַלץ אַרויפוואַרפן!"
— האָבן אים דורכגעשטאָכן דעם חוזה־בליקן
בלאַנק אויסגעשליפענע חלפים־שאַרפן:



„יאָ, צער בעל־חיים איז דאוריתא, דורל,
עלעהיי, אַ פויעריש פערדל אָנפּויען!
כאָטש אַ פאַרמאַטערטער זיך צעהירזשען פאַר נאָט,
מיטן „למען תזכרו" לאַנגען זאַיין.

„ב'האָב געשיקט נאָך דיר — ס'איז אויף הימל אַ יריד!
נאָר אַ ליידיקער הענגט „מזל־דלי"־עמער — —
דעם לעצטן עוקץ פון מיר שוין אויסגעזויגן,
און דער עולם אַלץ: הב־הב — נעמער, נעמער!

„איך קאָן נישט מער — שרעקלעכע געשעענישן
צעפלאַקערן שוין מיינע לעצטע בליקן,
און פון די רויך־ווילן, די אויפגייעדיקע,
זע איך די גאַנצע וועלט שוין דערשטיקן — — — — — — —"
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ, ער וואָלט פאַרברענט געוואָרן, ר' דורל,
פונם חוזה'ס גליאיקע רחמנות־בליקן,
ווען ער וואָלט נישט זיינע, מיט „ד" פון אחד,
געהאַלטן זיי אין איין צוזאַמענדריקן.

III

דער סמוטנער וועג פון לובלין צוריק קיין לעלעוו
ער האָט זיך לאַנג ווי דער גלות געצויגן,
און נישט ווי צוויי שמשים — שטרענגע שומרים
האָבן באַגלייט אים, דעם חוזה'ס צוויי אויגן.

וואָס זיינען ווערטער קעגן צעווינקטע בליקן,
ווען פונם קומענדיקן זיי דערציילן — — —
נישט הימל און נישט ערד מער — שאַרכנדיקע ביימער
ציען זיך וויאַנענדיקע ווייטע מיילן.

„גאָט", האָבן זיינע הענט טרוקן זיך געבראָכן
אין אָסיען אַראָפּפאַלנדיקע צווייגן:
„ווי קאָן אַלצדינג אויף איינמאָל אַזוי פרעמד זיין
וואָס איז ערשט געווען אַזוי נאָנט און אייגן?"

ס'האָבן אויף ביידע זייטן טראַקט די לאָשעקלעך
מורא געהאַט צו אים נענטער צוקומען,
עפּעס האָבן אויגן פון אים אַרויסגעקוקט,
וואָס האָבן ביזן ביין אַדורכגענומען.

די פאַסטוכער ביי די באַרעלע־פייערן,
אים זעענדיק דאַווגען פונדערווייטן
האָבן דערשראָקענע געצלמט די פנימער
און מיט „פאַן יעזוס" געטון אים פאַרבייטן — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער האָט ר׳ דודלען אין לעלעוו נישט געקענט,
פונם רײַן, להבדיל, ביז צום בעדער,
אָבער אַ פרעמדער איז ער צוריקגעקומען,
אַז גאַנץ שטעטל געגאַנגען איז אויף רעדער —

אין די מאַרק־טעג נישט ארויס ר׳איז אויפן מאַרק מער,
נישט פערד פּאַיען נישט אליהון באַגעגנען,
די שטוב זיינע האָט זיך שיעור נישט איינגעבראָכן,
פון פדיונים ביי רבישן געזעגנען — —

„שלום עליכם אַ ייד!" „פּאַרט געזונטערהייט!"
מער קיין וואָרט האָט מען נישט געהערט אים זאָגן;
נאָר זיינע אויגן, די צעווינקטע מענטשלעך,
העלפן יעדערן די צרות דערטראָגן.

IV

נישט ווי אין די יריד־טעג — ווי אין די יאָרמערק
איז לעלעוו פול מיט אַנגעלאָפענע יידן;
פון אַלע עקן וועלט קומט מען אומעטיק אָן,
און מען פּאָרט אוועק האַפערדיק צופרידן.

מיט פרנסה, מיט אַ זיווג פאַר אַ טאָכטער,
מיט אַ רפואה פאַר אַ חולה מסוכן — — —
„שלום עליכם אַ ייד! פּאָרט געזונטערהייט!"
מען ברויך נאָר זיינע אויגן אָנצוקוקן.

עפּעס ווי צוויי מלאכים, צוויי אָפּווינטשנדיקע,
„אַלדעם גוטס, אַלדעס גוטס", ווינקען די אַפּלען,
אַז דאָס פאַרביטערסטע געמיט, דאָס טרויעריקסטע,
פריידיק האָפערדיק הייבט אָן אויפצוצאַפּלען.

„שלום עליכם אַ ייד!" „פּאָרט געזונטערהייט!"
הערן נישט אויף זיינע ליפּן צו ברומען,
ווי אַ פסוק תהלים, אָן איינגעחזרטן,
ווען דאָס האַרץ ווערט מיט אים אַדורכגענומען.



אויפגעריכט איז געוואָרן דאָס שטעטל לעלעוו,
זיך צעוואַקסן ווי אַ חלה אויף הייוון,
מיט אַכסניות, מיט מלינות, מיט בעל עגלות,
און מיט אַ „הויף" מיט יושבים און מיט קרובים.

נישט ווי פאַר אַ טאָרג — פאַר „קערמים", להבדיל,
פּאַרעט מען זיך דעם שבת צוצוגרייטן!
עס האָט זיך פאַרמאַסטן אַ שטעטעלע לעלעוו
מיט פוילנס קרוין־שטאָט לובלין צו פאַרבייטן — —

ווענעגער געשטאָפּטע פאָרן אָן מיט חסידים,
ווי פלינן פון אַלע זייטן זיי הענגען,
און דער חוזה, אַ באַפרייטער פונם עולם,
ער גרייט זיך שוין צו משיחן צו ברענגען —

אַז ר׳האָט אַזאַ דודלען אויפזוכן געקענט,
דעם עול הגלות אים העלפן דערטראָגן,
וועט ער נאָך זיכער יענעם שם אויסגעפינען,
משיח זאָל קומען — בלויז אים אַרויסצוזאָגן — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

V

ס׳האָט דער חוזה מיט זיין הייליקער חבריא
משיחן פאַרן „קץ" נישט ברענגען קענען,
זיינען זיינע צוויי פלאַקער אויגן פאַר דער צייט
פאַרלאָשן געוואָרן, מיטן אין ברענען.

די חבריא זיינע אין אַלע פיר ווינטן
אַ צעפלאָשעטע און ווי רויך צעטריבן,
אין ר׳ דולם אויגן, מיט אחד פאַרקוועטשטע,
איז דער פלאַם אויף אַ רגע נאָך פאַרבליבן.

נאָר ווען ער איז צונעקומען צום „תזכרו"
און געצווינן דעם זאַיין, דעם נעדרייטן,
האָט ער מיטאַמאָל די אויגן אויפגעריסן:
נישט דאָ די צוויי וואָס פלעגן אים באַגלייטן!

נישטאָ די שומרים וואָס זאָלן מער באַהיטן,
די צוויי מלאכים „אַלדאָס גוטס" צובענטשן!
און דרויסן פאַר זיין חדר „אָפּצופּערטיקן",
וואַרטן אויף זיין שלום טויזנטער מענטשן — — —

א פאַרדאַרשטיקער לאַשיק מיטן געהירזשע,
אַן עמער וואַסער מ'ברענגט אים צו טראָגן,
האָט ר' דודל איבערגעריסן פּלוצלונג,
אינמיטן פון „למען תזכרו" זאָגן.

א שרעק האָט ארומגענומען דאָס „שלום־חדר"
די שטילקייט האָט מיט זעעניישן געשראָקן — —
„נסתלק געוואָרן!" האָט ער זיך צעשריען,
שטייענדיק אויפֿדער שוועל אין בלויזע זאָקן.

„אַנטלויפֿט וואו די אויגן וועלן אייך נאָר טראָגן,
איך קאָן אייך שוין קיין „שלום" מער נישט געבן!
אַז דער חוזה פֿלובלין נישט געקענט פּועלן,
וועלן מיר קיין נוטס דאָ נישט מער דערלעבן — — —

„אַנטלויפֿט ייִדן, פאַרט געזונטערהייט" — דעם זאַיין
פּונקט ווי פון „לעמן תזכרו" געצויגן — — —
לעשנדיקע גלאָווגעס שטיקנדיק אין רויכן,
אין טרערן זיינע פאַרגאַסענע אויגן.

VI

אין קרוין־פּוילן ווער האָט דען לעלעוו נישט געקענט.
און ערשט נאָכן חוזה'ס נסתלק ווערן — —
זיין יאָמערלעכן: „ייִדן, פאַרט געזונטערהייט!"
פון אַלע עקן וועלט נעקומען הערן.

א גרויל גייט איבערן לייב, הערט מען דעם געשריי,
די האָר אויפֿן קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויער,
קיין שיך האָט ר' דודל נישט מער אָנגעטון,
קלענער און גרויער ווערט ער אין זיין טרויער.

„אַז ס'האָט דער חוזה מלובלין נישט געהאָלפֿן — —"
גייט ער אין מאַרק אַרום אין בלויזע זאָקן.
א וואָרע מאַכן אים פּויערים און באָבעס,
די פערד קוקן ארויס צו אים דערשראָקן.

און נישט מער ער גיט די האַנט ביי שלום נעמען,
ביים געזעגענען נישט מ'זעט זיינע בליקן.
ער האַלט זיי באַהאַלטן אונטער גרויע ברעמען —
פונקען און אַש וואָס מ'קאָן נישט דערשטיקן.



און ווי „פריער". א גאַנצן נייענדיקן טאָג,
גייט ער אין די גאַסן אַרום צעטראָגן,
און „פאַרט געזונטערהייט!" ווי א פּסוק תהלים,
הערן זיינע ליפּן נישט אויף צו זאָגן.

און הערט ער וואו, נאָך האַלבער נאַכט א פערד וואו הירזשען,
כאַפּט ער זיך אויף אינמיטן זיין חצות'ן:
„זאָלן האָבן כוח ייִדן ארויסצופירן!"
איז וואָס פילער דער עמער אָנגעגאָסן — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

איז דער ייִד הקדוש קיין לעלעוו געקומען,
אליהו הנביא באַגעגענען,
און דער רבי ר' בונים. און דער וואָרקער —
דעם עולם מיט ייִדן געזעגענען — — —

אַז אַזאַ שפע גיסט זיך פון פולע עמערס,
זיינען ייִדישע הערצער פול מיט האָפן,
בלויז זיין זון נאָר דערזעענדיק איינמאָל זיין בליק,
איז פלינק קיין ירושלים אַנטלאָפן.

VII

„שטייט א בוים אין מיטן וועג, שטייט ער איינגעבויגן",
פון רעגן און ווינט די בלעטער צעשאָטן — — —
אין אַסיען האָט ר' משהלע דער לעלעווער
די ארץ ישראל ערד הייליק באַטראָטן.

ווער איז ר' משהלען נישט ארויס באַגעגענען.
גאַנץ ירושלים געגאַנגען אים אַנטקעגן!
איז ער געשטאַנען און געדאַוונט מנחה,
אַן איינגעהילטער אין געוואַלטיקן שווייגן.

אַלע הונדערט טויערן פון „מאה שערים".
האָבן זיך א פּראַל געטון ברייט און אָפֿן,
אַריינגעפירט אין הארץ פון ירושלים
האָבן אים פון מירון די למד־וואָוון.

און ווען אין דער „חורבה יהודה החסיד"
אויף זייערע אַקסלען אַריינגעטראָגן,
האָט ר' משה'לע זיינע אויגן געעפנט —
אויסגעייענדיקע צעפלאַמטע פאַרטאָגן — —

יאָ, דעם אָפּשיין פונם חוזה'ס פלאַקער־בליקן
האָט ר' דודל אים מוסר געווען — — —
שטייען אַרום אים די צפת'ער מקובלים,
די רמזים פון זיי אַרויסצולעזן.

אַ צרוף, אַן אות, אַ רמז, אַ נקודה —
יעדער לויט זיין יכולת מיטגענומען!
און צוריק אין צפת, אין די הייל פון מירון,
צוזאַמענשטעלן דעם שם, משיח זאָל קומען — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און די שפּע זייט דעמאָלט אין „מאה שערים",
ממש מיט די פולע עמערס צו שעפּן — —
און אינגערן־אשכנזים, פראַנקן־זאַברעס,
ביז אַרויף אין דער נייער־שטאָט, אויף די טרעפּן.

פון מויל צו מויל, פון אויערן צו אויערן,
איין מעשה האַלט מען זיך אין איין דערציילן,
פון עפּעס אַ שטעטל לעלעוו אין קרוין פּוילן,
פון וואו משיח וועט קומען צו איילן

## פּראָפ. שלמה מיכאָעלס

דעפּעשע פון מאָסקווע

# די געשיכטע האָט גע'פסק'נט

מיט שפּאַנענדיקן אומגעדולד, מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם האָט מען דער וואַרט דעם אורטייל. עס האָבן געוואַרט אויף אים פאָלק און מענטש, מוטער און קינד, דער דור וואָס איז דער בעל הבית פון אונזער היינט און דער דור וואָס איז דער בעל הבית פון אונזער מאָרגן. עס האָבן געוואַרט אויף אים דער געפיל פון מענטשלעכקייט און דער געפיל פון יושר. עס האָט געוואַרט אויף אים דער גלויבן אין מענטשלעכער גערעכטיקייט און דער זונענדיקער שטראַל פון מענטשלעכער האָפנונג. עס האָט געוואַרט אויף אים דער וואָס פאַראַכטעט געוואַלד און וואָס האָט תכלית שנאה פיינט פאַרשקלאַפונג. עס האָבן געוואַרט אויף אים די שרעקלעכע מדבר רואינען פון טרעבלינקאַ און באַביאַר, פון אָשווענצים און דאַכוי, פון בוכענוואַלד און פון וואַרשעווער געטאָ. עס האָבן געוואַרט אויף אים פאַרגליווערטע אויגן פון אומגעקומענע און ברענענדיקע בליקן פון העלדן וואָס האָבן בלוט געגאָסן אויף צו לעשן דעם שייטער פון פאַשיסטישער געפאַר, די שׂרפה פון סין'שן אָנגריף אויף דער מענטשהייט.

יאָ מיר אַלע אַלט און יונג מאַן און פרוי זקן און קינד האָבן מיט פאַר־



האַלטענעם אָטעם געוואַרט אויף דעם אורטייל. אַזוי האַלט אין דעם אָטעם די שוואַנגערע פרוי אין אירע געבורטליידן אַ מינוט פאַרן געווינען כדי אין דער צווייטער מינוט אַן אָטעם טאָן מיטן נייגעבאָרענעם.

אויף די ראַדיאָ כוואַליעס ווי אויף פליגלען איז געקומען די אידייע פון נירעמבערג: אָט איז דער אורטייל.

די געשיכטע האָט סוף כל סוף באַקומען דאָס וואָרט. די געשיכטע האָט אַרויסגעטראָגן דעם פסק דין. די געשיכטע האָט געפסקנט: פאַשיזם הייסט אומענטשלעכער פאַרברעכן, פאַשיסטן זיינען פאַרברעכער. טויט דעם פאַשיזם. טויט דעם פאַשיזם — הייסט אַמתדיקער דעמאָקראַטיזם. פאַשיסטן צו דער תליה — הייסט אַמתדיקע מענטשלעכקייט.

דער אמתער זין פון אונזער אַלעמענס זיג, אין דעם באַשטייט דער נצחון וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אויף די שלאַכטפעלדער די העלדישע רויטע אַרמעע אונטער דער געניאַלער אָנפירונג פונעם חבר סטאַלין. אין דעם און נישט אין עפּעס אַנדערש באַשטייט דער נצחון אין וועלכן עס האָבן אייניקייל גענומען אַרמעען פון די פאַראייניקטע מלוכות. אין דעם איז דער זין און נישט אין עפּעס אַנדערש ווי דאָס זאָלן נישט וועלן לייקענען די וואָס עוסקן זיך אין די רייען פון דער רעאַקציע אין די גאַסן וואו עס בעל בית'עווען די אימפּעריאַליסטישע וועלף. דער קול פון דער געשיכטע קלינגט: די פאַשיסטישע פּאַרטיי איז אַ באַנדיטישע פּאַרטיי. די פאַשיסטישע פּאַרטיי איז דער קו־קלוס־קלען אויף דייטש. די פאַשיסטישע פּאַרטיי איז גזלה, שייטער, מענטשנפרעסער, פאָלק־מערדער, קינדער פאַרטיליקער, פּוילנדיקער געשטאַנק פון אָפּגייענדיקן אומקומנדיקן קלאַס.

אויסראָטן זיי אַזוי פסקנט די געשיכטע, פאַרניכטן זיי אַזוי הייסט די מענטשהייט. צוועלף אָנפירער פון דעם מענטשן־טיסט ווערן אַרויסגעשליידערט אין אָפּטרעט פון דער געשיכטע, ניט מצבות און ניט צלם־תליות וועט היטן זייער קבר. נאָר צוזאַמען מיט זיי איז פאַראורטיילט אַלץ וואָס איז פאַשיזם און אַלע וואָס זיינען פאַשיסטן, אַלץ וואָס איז פאַשיסטיש און אַלע וואָס זיינען פאַשיסטאַרטיק.

וואָס וועט קומען פאַרטויבן דעם קול פון דער מענטשהייט און פון איר געשיכטע? און וואָס וועט קאָנען פאַרווישן דעם זין פונעם היסטאָרישן אורטייל? אפשר דאָס וואָס אויף העס'ן דעם אויסוואָרף און ליבסטער פון היטלערן האָט זיך פאַרשפּעט די אומפאַרשטענדלעכע מילדקייט פונעם טריבונאַל? צי אפשר דאָס וואָס צוליב סבות וואָס רופן אַרויס ענטוישונג און שאַרפסטן פּראָטעסט האָבן זיך צעשפּרייט די פליגלען פון רחמנות איבער די שעלמישע קעפּ פונעם וועלט־גנב שאַכט און פון די שאַנטאַזשיסטן און שאַרלאַטאַנעם ווי פּאַפּען און פריטשע. צי אפילו דאָס וואָס קענען די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון עלעמענטאַרער לאָגיק זיינען ריינגעוואַשן, די פּשי טסן — בלוט פון בלוט און ביין פון ביין פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי.

אַ קשיא אויף אַ מעשה. לאָמיר אפילו זאָגן אַז ווער עס איז האָט זיי

אפנעשריגן מיט א ווייטן און דאך א קורציזיכטיק מיין איבערלאזן ווי אויף זייערע פאר ווייטערדיקע שאנטאזשן און בלוטבעדער פאר דער מענטשהייט.

איז וואס העלפט עס ? אז די גאנצע מענטשפרעסערישע פאשיסטישע פארטיי איז פאראורטיילט און אוועקגעשטעלט אויסערן געזעץ. די גאנצע פאשיסטישע פארטיי צוזאמען מיט איר אידיעלאגישן קלאפער נעציינג. צי פאר הנחות קאנען זיי שוין העלפן ווי געהאקטע באנקעס... אז אט גייען זיי צו דער תליה, צו זייער העסלעכן סוף צו זייער פארשטונקענעם לעצטן דעך, יעדערער מיט זיין הויקערדיקן שאטן.

און זאל פארגרענקען אלע אנטיסעמיטן און יידן־פארפאלגער און יידן־פרעסער, אז דער סוף פון זיי דער סוף פון די אלע וואס דערלויבן זיך דעם ליבעראלן לוקסוס פון אנטיסעמיטיזם וואו און אין וואסער לאנד עס זאל זיך ניט אנטפלעקן אלץ איינס דער סוף זייערער וועט זיין דער סוף פון ראזענבערג און שטרייכערן. סוף גנב לתליה. אנטיסעמיטן דאס זיינען די זעלבע פאשיסטן. און זייט זיך מטריח צו דער תליה. אזוי האט נעפסקנט די געשיכטע.

מיר האלטן אינטער. מיר באגריסן, מיר שטיצן מיט דער גאנצער ליבע אונזערער צו און גערעכטיקייט צו רעכט און יושר וואס האט ענטוויקלט אין אונז אונזער סאוויעטישן לאנד — מיר שטימען צו צו דער מעלדונג צו דער באזונדערער מיינונג פונעם חבר ניקיטשענקא, דעם פארשטייער פון א.ס.ס.ר. אין צווישן פעלקערלעכן טריבונאל. עס איז קלאר דער אורטייל דארף אויסנעפילט ווערן איבער די צוועלף. איבער דער פאשיסטישער פארטיי, איבער אלע אנהענגער און נאכפאלגער פון דער בארבארישער אומענטשלעכער פארטיי, הייסט עס אויך קעגן שאכטן, פאפען, פריטשע, הייסט עס קעגן דער פאשיסטישער רעגירונג און דער פאשיסטישער מיליטער קאמאנדשאפטס.

א טויט דעם פאשיזם—אזוי הייסן די גראטעוועטע באפרייטע פעלקער.

די געשיכטע פון דער מענטשהייט פארערט עס. די פראגרעסיווע און דעמאקראטישע מענטשהייט הייסט אזוי !

---

**דוב ווארשאווסקי** נאכן נירעמבערגער פראצעס !

## אונזער יידישער אורטייל !

ניין, מיין יעצטיקער ארטיקל וועט נישט זיין דאס וואס ער האט געוואלט זיין ; עס איז נישט דאס וואס איך וואלט בארארפט שרייבן און זאגן.

איך וואלט, למשל, גערארפט, — ווי די מאדע איז היינט, — צארנען אויף די ענגלענדער הלמאי זיי האבן גענומען נקמה פאר זייערע 60 ערמארדעטע פליהער מיט מער ריזאן, ווי פאר די 6,000,000 יידישע קרבנות ; איך וואלט בארארפט זיך כעס'ן אויף די אמעריקאנער, פארוואס זיי האבן אפשר ארויסנערוקט זייערע פרעטענזיעס אין פארערגרונד ; איך וואלט בארארפט פראטעסטירן קעגן די רוסן, הלמאי זיי האבן קיין איין מאל נישט דערמאנט



אויפן פראצעס דאס ווארט „ייד“ נאר פאראלגעמיינערט אונטערן טערמין „מענטש“. אין דער צייט ווען די קרבנות פון די אנדערע פעלקער האבן יא פיגורירט אונטער זייערע נעמען, ווי יוגאסלאוון, גריכן, פאלאקן א.א. ריכטיק ווי מ'וואלט נאר קיין יידן נישט געשאכטן (אפנים, אז א „ייד“ נאך דער שחיטה ווערט א „מענטש“...) ; איך וואלט נעדארפט שטורמען קעגן דער באפרייאונג פון פאפע, שאכט און פריטשע, און אזוי בסדר. פעלן דען עוולות ביי די גוים ?...

אבער צו וואס זיך דראפען אויף די גלייכע ווענט ? — אזוי האנדלען געזונטע פעלקער, וועלכע ווערן געפירט מיט זייער איינגעבוירענעם נאטירלעכן דראנג. אלע, דער ענגלענדער, דער אמעריקאנער, דער רוס, דער פאלאק, דער טשעך, אלע האבן זיי גענומען און נעמען נקמה פאר זייער בלוט, פאר זייערע צעשטערטע שטעט און דערפער ! קעגן נקמה שרייט דער היפאקריט, וואס האט גארנישט געליטן ! עס איז א כלל, פון אמאל און היינט — דער גואל הדם זוכט און מאנט, און מיט רעכט, — נקמה פאר זיין פארגאסענעם בלוט...! !

און די יידישע נקמה ? — הממ, יא, איך האב דא אנומעלט געטראפן מר. געלדזובער, פאראדירן איבער די לאנדאנער גאסן מיט א נייער שיינער טעקע אונטערן ארעם. אונפארזיכטיק פארטרויט ער מיר א סוד. אז ער האט די טעקע נעקראגן פון דייטשלאנד. איינזעענדיס זיין טעות, כאפט ער זיך צוריק : „דאס איז נקמה“... — אט דאס איז די „יידישע נקמה“ פאר די זעקס מיליאן קדושים... — אויב מיר יידן ווילן נקמה אין די דייטשע רוצחים, טא דארפן מיר קויפן ביי זיי די שיינע טעקעס און צאלן זיי מיט וואליוטע, ווייל זיי נעמען נישט קיין דייטשע מארקן...

ווער האט זיך דאס נעקענט ריכטן אויף אזא חורבן און בראך ! — נישט נאר האבן די דייטשן אויסגעשאכטן דעם רוב מנין פון אונז ; דאס בעסטע און דאס שענסטע, די ערלעכסטע און כשרה'סטע, אלע יונגע קינדערלעך — זיי האבן אויך אפגעטויטעט, גייסטיק און מאראליש, דאס ביסעלע וואס ס'איז נאך אונז פארבליבן. דער אמת ארענטלעכער ייד און דאס יונגע קינד, האבן נישט געקענט איבערלעבן די דייטשע רציחות ; דאס קינד — ווייל עס האט נישט געקענט רעדן, און דער ערלעכער, געוויסנהאפטער ייד — ווייל ער האט נישט געטארט רעדן. דאס הארץ האט אים נישט נעלאזט צו ראטעווען זיך מיטן בלוט פון א צווייטן ייד...

לאמיר נעמען אין באטראכט די פאגראמען אויף יידן אין אוקראינע און ווייס־רוסלאנד אין 1918-20, דאכט זיך א גאנץ קורצער צייט־אפשניט — אבער וואס פארא ירידה און שפלות אין אונזער היינטיקן יידישן לעבן...! דאמאלט האבן יידן אין דער גאנצער וועלט געשטורעמט און געשריגן ; ס'איז קיינעם אייפן נעדאנק נישט געקומען צו פארגעבן די רוצחים. און איין ייד, זאל זיין איינער, ר' שלום שווארצבארד זצ"ל, איז ארומגעגאנגען יארן מיט זיין צער און צארן ביז ער האט נקמה גענומען, פאר אונז אלעמען, אין דעם מערדער פעטלורא ! — און היינט...?

ווער האט זיך עס גאר געקענט פארשטעלן, וועמען איז עס אויפן געדאנק גאר געקומען, אז נאך אזא שוידערלעכן חורבן, נאך אזעלכע מיתות משונות, וואס אונזערע טאטעס און מאמעס און קינדער האבן אויסגעשטאנען זאל זיך נאך געפינען א „ייד" אין דער וועלט וואס זאל, ממש אויף צו להכעיס, פארדריקן מחילה און פארגעבונג פאר די דייטשע מערדער?! איך מוז דא אויסדריקן א פערזענלעכן מאמענט. — אז דער „ציוניסט" וויקטאר גאלאנץ, מיט זיינע מעשים האט מיר אין א פרט מער געטראפן, ווי דאס פארגאסענע בלוט פון מיין פאמיליע און אנדערע קדושים! מיין גאנצער ארט פילן און דענקען און בליק אויפן יידישן מצב האט זיך איבערנאכט אין גאנצן געענדערט און געטויישט... ווער האט דאס זיך עס געקענט ריכטן, אז איין ייד, אן עוכר ישראל זאל זיין בכוח צו דערנידעריקן און פארשווארצן דאס פנים פון יידנטום! עס ברענט אויף מיר די הויט פון חרפה, איך שעם זיך. — דער דאזיקער „ציוניסטישער ייד" האט געווינט! דער ענגלישער פרעמיער, מר. עטלי האט געמוזט אלע גאלאנצעס פאדערונגען נאכגעבן. וויקטאר גאלאנץ האט דער ערשטער אויפגערודערט דאס גאנצע עפנטלעכע מיינונג אין דער גאנצער וועלט לטובת די דייטשע מערדער! „חוטא אחד יאבד טובה הרבה"... (קהלת) — איין זינדיקער מענטש קען א גאנצע וועלט חרוב מאכן...!

פארוואס זאלן מיר טענות האבן צו די ארצבישאפס און בישאפס אין ענגלאנד א.א. וואס זיי נעמען זיך אן די דייטשע קריוודע, אז דער ייד גאלאנץ איז דאך זייער פירער און „טשערמאן" פון דער ארגאניזאציע „סייוו יוראפ"! און פארוואס זאלן די נלחים נישט געבן זייערע אונטערשריפטן צו העלפן די דייטשן ווען א „ייד" פאדערט דאס פון זיי...? און זאל דא געזאגט ווערן אפן, וואס איך האב ביז יעצט פארשוויגן, אז אונטער דער ערשטער פעטיציע פון גאלאנצן צום פרעמיער־מיניסטער, איז אויך צווישן אלע נלחים פיגורירט דער אונטערשריפט פון פארשטארבענעם טשיף־רבי ד"ר הערץ.—זע ניוז קראניקל, 21 יאנואר, 1946.

וויקטאר גאלאנץ האט אויסגעווירקט, אז מען זאל איינפירן ברויט־קארטן און מען זאל פארקלענערן די עסן־פארציעס פון אונזערע קינדער און מען זאל דאס שיקן צו די דייטשן! גאלאנץ האט אויסגעבעטן, אז מען זאל די דייטשע געפאנגענע שיקן אהיים אדער מען זאל זיי ערלויבן צו חתונה מיט מיידלעך פון דעם לאנד! (נ.ק. 22 אויגוסט, 1946). גאלאנץ האט אויך אויסגעפירט, אז מען זאל, דורך זיין פארמיטלונג, מעגן שיקן פעקלעך צו פריוואטע דייטשן אין דייטשלאנד! (נ.ק. 5 סעפ. 1946). יעצט מעג שוין, גאלאנצעס העלפער, דר. בעל, דער בישאפ אף טשיטשעסטער, דער בארימטער: „דו נאט באמב דזשערמאני", וויינען אין בערלין פאר די נאצים, „וועלכע האבן געליטן אסך", און אפעלירט צו אפשטעלן די „נאצי־רייניקונג".. (נ.ק., ד.ל. 28 אקט 1946).

עס איז נישט צו פארשטיין, ווי אזוי אן אמתער פילנדער ייד קען און מעג שטיין אין די „ד" אמות פון אזא איינעם ווי גאלאנץ? ווען א ייד, צום ביישפיל, וואלט געוואגט צו האבן „זיין פריוואטע מיינונג". — ווי עס



ווילן האבן די ציוניסטישע פארטיידיקער פון גאלאנצן (אין א בריוו צו מיר), — און וואלט, אן דער הסכמה פון דער אגענץ, אונטערהאנדלט מיט מר. בעווין, וואלט מען דאך אים פארשטיינערט אלס פראנט־ברעכער! און דא קומען צו גיין די זעלבע ציוניסטישע הערן און צאצקענען זיך מיט „אים"; גאלאנץ „באשיינט" אלע זייערע שמחות און פאראמלונגען! און אז א ציוניסטישער מנהיג שרייבט א בוך וועגן יידן אין ארץ ישראל (דא לעצטנס), מוז ער בדווקא דערשיינען מיט גאלאנצעס נאמען און פירמע...! — הייסט דאס נישט געבראכן דעם יידישן פראנט?! — א פראנט פון טייכן טרערן און בלוט, א פראנט פון מיליאנען קדושים!

עס איז מיר גאר קיינמאל אויפן געדאנק נישט געקומען, אז עס זאל זיך נאך געפינען א יידישער יונגערמאן (פון די ספעציא עולים), וואס זאל נעמען א דייטשיש מיידל און מען זאל נאך זיי דערלויבן אריינצוקומען אין דאס „הייליקע לאנד"! און יידן דא זאגן, עס איז פיין און „כשר" — א „גר'טע"! [מיט דעם פארשטארקט זיך דער חשד, אז אפשר איז דער דאזיקער „העלד" איינער פון יענע „שארית־הפליטה'ניקעס", וואס האבן זיך „געראטעוועט" אויף די פלייצעס פון די ברענענדיקע יידן אין קרעמאטאריומס...] עס איז שוין אויך פארשטענדלעך וואס „יידן" אין דייטשלאנד פארקויפן „אייזערנע בריוו" צו נאצים, כדי זיי ריינצווואשן פון זייערע פארברעכנס. אלץ איז מעגלעך אין אונזער פארטעמפטער און צעבראכענער געזעלשאפט!

ווען מיר זיינען, מיט צוויי יאר צוריק, ארויסגעקומען מיט דעם „חרם אויף דייטשלאנד"־פלאן זיינען באלד געקומען צו גיין די „בויך־יידן", די פליישיקע הערצער און בלייענע מוחות מיט זייערע „דינים", און קשיות: איז עס מעגלעך? מעג מען? וועט די רעגירונג ערלויבן? די טויטע וועט מען נישט לעבעדיק מאכן! די שארית הפליטה! א.א.וו. די „צדקה־תציל־ממות־פושקעלע" האט געקלונגען און גערופן. אלע האבן זיך געלאזט „ראטעווען" דער „שארית־הפליטה". מיט די טארבעס אויף די פלייצעס האט מען זיך געשלעפט פון הויף צו הויף און געפירט דעם שאכער־מאכער האנדל. מען האט אפילו געמסחר'ט מיט „ליסטעס נעמען", נעמען פון טויטע און פון לעבעדיקע, — ווי אמאל שמואל זביטקאווער זצ"ל פון פראגע־ווארשע, (נישט אנרירנדיק זיין כבוד מיט מיין פארגלייך), האט געצאלט צו יעקאטערינעס קאזאקן א זילבערנעם רענדל פאר א טויטן ייד און א גאלדענעם רענדל פאר א לעבעדיקן ייד... אזוי האבן היינט „פיפיקע סוחרים", ווי די קאזאקן, געזאמלט רענדלעך פאר ליסטעס מיט נעמען; פאר אויסגעפינען נעמען פון טויטע אדער לעבעדיקע יידן...

עס איז ביי מיר כמעט ווי ברור, וואלט מען גלייך דאן אין דער בערגען־בעלזן־שטימונג אויסגערופן דעם ח ר ם אויף דייטשלאנד, וואלטן נישט נאר די קדושים געהאט זייער תיקון, נאר מיר וואלטן אויך געקענט און געמוזט ראטעווען די יידן פון דייטשלאנד. דאן איז געווען דער שעת הרחמים און שעת הכושר; די וועלט־סימפאטיע איז געווען מיט אונז, מען וואלט אונז דאן

פארשטאנען. דורך דעם „חרם" וואלטן מיר דערהויבן געווארן גייסטיק און מאראליש און דער שארית הפליטה וואלט מען געראטעוועט; נישט וויכטיק וואו זיי וואלטן געגאנגען אבי פון דייטשלאנד אוועק...

האבן אבער אונזערע צעפרעסטע פאליטיקאנער זיך פארוואלט צו טרייבן פאליטיק. זיי האבן געמיינט דעם ים אריבערצוגיין איבער א בריק פון מיליאנען הרוגים; צו בויען מיניסטאר־שטולן אויף די קעפ פון ליידנדע, און מען האט די יידן געהייסן ווארטן אין דייטשלאנד... דערווייל האבן די גאלאנצעס געטאן זייערע און די צייט דאס איריקע, און דער רעזולטאט: — מיר האבן פארלארן די טויטע און די לעבעדיקע. אלץ פארשפילט, און די דייטשן האבן געוואונען די וועלט־סימפאטיע. איך ווייס נארנישט צי די יידן וועלן ווען עס איז ארויס פון דייטשלאנד.

צו דעם דאזיקן טרויעריקן מצב האבן אונז דערפירט אונזערע פאליטיקאנער; די גאלד־גרעבער און כבוד־זוכער. שעקספירס שיילאק איז נאך געווען א צדיק אין פארגלייך צו אונזערע. יענער שיילאק האט פאר א רענדל געמאנט א פונט פלייש ביי זיינע שונאים; אבער אונזערע היינטיקע שיילאקס, וואלטן פאר א רענדל זיך געלאזט אויסשניידן א פונט פלייש פון זייערע ריפן... זיי רייסן „פונטן" פלייש פון די לעבעדיקע און אפילו פון זייערע אומגעקומענע טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער...

טא שטום זשע און שווייג דו שיילאק! קרים זיך נישט און קלאג נישט, דו בינסט אפילו דאס אונטערגעווארפענע ביינדל אויך נישט ווערט...! געקענט האסטו דערהויבן ווערן, און אפילו פון דעם דאזיקן שוידערלעכן חורבן ארויסקומען א בן־מלך, מיטן „ציץ נזר הזהב" אויפן קאפ, און געווארן בינמטו א כלב, וואס לעקט אפ זיין אייגן בלוט פון דעם פריץ־רוצחישן שפיץ־רוט...!

ניין, נאך דעם אלעמען, נאך דער וויסטער וואקכאנאליע וואס עס הערשט איז אונזער מחנה, האבן מיר נישט געקענט דערווארטן קיין בעסערן אורטייל פון נירעמבערגער פראצעס. איך האבן נישט געגלויבט, אז גערינג וועט האבן זיין היינטישן סוף; און אז 10 תליות וועט מען יא אויפשטעלן...

אויפגעשטעלט זיינע געווארן די 10־המן תליות נישט אין אונזער זכות. און אויב דער רוצח סאוקעל האט פאר זיין סוף געשריגן: „די אמעריקאנער יידן", האט ער געהאט א טעות. אבער גוט איז אז ער האט געהאט אזא געדאנק. און אפשר געפינען זיך נאך צווישן אונז בסוד. א מרדכי הצדיק און אן אסתר וואס האבן מיט זייער צער און צארן געשפאלטן די הימלען דעם הושענה־רבה ביינאכט? און אפשר האט דער שונא־ישראל, שטרייכער, רעכט געהאט מיט זיין אויסגעשריי: „דער יידישער יום־טוב"?! עס איז געווען דער יום־טוב פון די קדושים, וועלכע פלעגן זיין וואך הושענה־רבה ביינאכט. ז י י האבן געוויס דעם הושענה־רבה אויך געוואכט און געגאנגען הקפות... איז עס נישט סימבאליש. — הושענה־רבה ביינאכט זיינען אויפגעשטעלט געווארן 10־המן תליות; 10 מערדער ווערן ארויפגעפירט 13 טרעפ הויך — דער



יידישער מזל'דיקסטער מספר ד ר י י צ ע ן — און ווערן פון דער הויך פארזונקען אין כף־הקלע...!?

נישט אין דעם הענגען גופא גייט דא. נאר אין די פאר מינוט ביזן הענגען. וויכטיק און געוואלדיק ווארנדיק זיינען שטרייכערס לעצטער אויסרוף: „מיין ליבע פרוי", סאוקלס: „מיין פאמיליע", קייטעלס: „מיינע זין" א.א.וו. עס קען נישט זיין קיין אנדער שטראף און קיין אנדער אנלערנונג ווי די: די רוצחים דארפן דערפילן, און די וועלט דארף דערהערן, דעם געיאמער פון די יידישע קרבנות; ווי גוט עס איז ווען מען הענגט און ברענט עלטערן אין די אויגן פון די קינדער און מען הרג'עט קינדער אין די אויגן פון די עלטערן! זיי מוזן פילן דעם טעם פון ברענען און סמ'ען יענעם,—מדה כנגד מדה! די מערדער דארפן פילן דעם טעם ווי גוט עס איז ווען מ'ווייסט נישט וואו דאס געביין איז אהינגעקומען; דאס אש פון די 10 טיטוס'עס איז צעשפרייט געווארן מיט ווינט אויף אלע 7 ימים, כן יאבדו...!

פארוואס זיך עפעס בייזערן, הלמאי מען האט באפרייט פאפען, שאכטן און פריטשע? קנאפ מערדער דרייען זיך ארום אויף דער פריי א חוץ זיי? און איז שוין די נקמה פון 10 געהאנגענע גענוג פאר אונזערע זעקס מיליאן קדושים? איבעריגנס, קען זיך פרייען וויקטאר גאלאנץ, ער האט יעצט נאך דריי „אומשולדיקע" דייטשן, וועמען צו שיקן פעקלעך; שאכטס קינדער האבן אזוי ליב טשאקלאד....

מיט א צייט צוריק, האבן מיר געהערט א לעקציע פון די פארשטעער פון רוסישן יידנטום, פראפעסאר שלמה מיכאעלס און איציק פעפער, וועלכע האבן אונז געהייסן צו האסן רוצחים. מיר זאגן יעצט: מיר האסן זיי פארן אורטייל און נאכן אורטייל; מיר האסן אויך זייער דייטשלאנד און זייערע דייטשן. די דייטשן, וועלכע וואלטן זיך געטיילט מיטן רויב און געיובעלט. ווען חלילה, זייערע פירער וואלטן געווינט!

„פאר דייטשלאנד", „פארן פאטערלאנד", „פארן גליק פון די דייטשן"— זיינען זיי געשטארבן, געוויס, עס זיינען זייערע דייטשן, וואס האבן געהאלפן מארדן און שענדן! מיט די 10 המן'ס איז אויך אויפגעהאנגען געווארן גאנץ דייטשלאנד! מיר האסן דעם דייטשן קארפאראל לעקאורט, וואס האט — ווי דער רוסישער פראקוראר האט ערקלערט אין נירעמבערג, — אויף איינגענער האנט, לשם פארוויילונג, אויסגעשאכטן 1.200 נפשות, און נאך באקומען פאר דעם אן אויסצייכענונג פון דער הויכער קאמאנדע (סטאר. 15 פעב. 1946); מיר האסן דעם פעלד־מארשאל פאאולוס, וואס האט זיך „ארומגעזען", ערשט ווען זיין ארמעע, 100,000 דייטשן זיינען צעפגרט פון קעלט און הונגער אין 1943 אונטער סטאלינגראד (נ.ק. 13 פעב. 1946). ער האט דערפילט ווען ער האט געפגרט פון הונגער אבער נישט ווען יענער האט געליטן און אומגעקומען, דאן איז היטלער נאך געווען דער „גאט"; מיר האסן זיי ווען זיי זיינען געווען נאצים און מיר האסן זיי היינט. ווען זיי זיינען געווארן „לינקע" נאכלויפער; מיט האסן די געפאנגענע אין ענגלאנד. וועלכע טרויערן נאך די געהאנגענע

מערדער (סמאר 16 אָקט. 1946); מיר האָסן די דייטשן, וועלכע מען האָט אַפילו געצוואונגען און אָנגערעדט צו מאָרדן! ווייל וואָלט נישט געווען דער רוצח, דער אויספירער, וואָלט נישט געווען דער אָנרעדער...!

מיר האָסן זיי אַלע, די „גוטע" און די שלעכטע דייטשן, ווייל — לויטן דייטשן פאַרטיידיקער אין נירעמבערג, — עס איז נישט געווען קיין איין דייטשע הויז און פאַמיליע, וואָס זאָל נישט האָבן געהאַט קיין מיטגליד אין דער נאַצי פּאַרטיי! מיר האָסן זיי. מיר מוזן זיי האָסן, ווייל מיר האָבן זיי געכאַפּט ביים האַנט! עס איז נישט געווען קיין סתם צופעליקער פּאָגראָמטיל פון א באַנדע בוליגאַנעס, נאָר א גוט־פאַרטראַכטער און אויסגעפירטער מערדערישער פּלאַן און א פּאָליטיק פון אַן אָפיציעלער רעגירונג, פון א מלוכה, פאַר וועלכעם דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק איז פאַראַנטוואָרטלעך! מיר מוזן האָסן דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, וועלכע האָט קאַלט־בלוטיק און פּלאַנמעסיק אומגעבראַכט א גאַנצע פאָלק! מיר מוזן זיי האָסן, ווייל מיר האָבן די דייטשן געכאַפּט פאַרן האַנט...!!! מיר מוזן זיי האָסן, אז נישט זיינען מיר נישט ווערט צו לעבן, און טאָרן נישט טראָגן דעם נאָמען ייד און מענטש!!!

די דייטשן דאַרפן טראָגן די שולד פאַר דער גאַנצער וועלט און באַצאָלן פאַר אַלע אונזערע ליידן, די וועלט זאָל דאָס געדענקען!!!

נחום שטענצל

# א פאלק אונטער שטעכל־דראָט

(פון אוישוויץ ביז ציפּערן)

פאַראַן, אין דער וועלט, חולאתן מכל המינים; אַזעלכע וואָס זענען ווייט באַקאַנט, און אַזעלכע, וואָס זיינען ווייניקער באַקאַנט. און די וואָס זיינען ווייניקער „פּאָפּולער", זענען דערפאַר נישט אויף קיין האָר ווייניקער געפערלעך, גראַד פאַרקערט. דווקא די לעצטערע זענען עס מאַנכע מאָל מער געפערלעך.

אָט איז פאַראַנען אזא קרענק וואָס איז אין דער מעדיצין באַקאַנט אונטערן נאָמען: שטעכל־דראָט"־קראַנקהייט, וועלכע איז איינס פון די שרעקלעכע און, מאַנכעמאָל, גאַנץ געפערלעכע חולאתן. און דאָך איז די קרענק גאַנץ קנאַפּ „פּאָפּולער". קען זיין אז מיט דער צייט, וועט זי ווערן פּאָפּולער, ספּעציעל ביי אונז יידן — ווייל, לויט ווי עס זעט אויס, דראָט די דאָזיקע חולאה צו ווערן א יידישע פאָלקס־קראַנקייט, רחמנא־לצלן; איינגעשפּריצט אין אונזערע אָדערן פון מלכות ענגלאַנד.

* * *

ביז לעצטנס, איז שטעכיקע דראָטן־קרענק בלויז געווען באַגרענעצט צו מלחמה־צייטן און געווען באַקאַנט ביי פעלד־דאָקטוירים. זי איז געווען א



באַגלייט־דערשיינונג און א פּראָדוקט פון מלחמה; זי פלעגט אויסברעכן צווישן מלחמה־געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געפונען א לאַנגע צייט אונטער שטעכיקע דראָטן („שטאַכל־דראָט", אָדער „באַרבד וויער", בלע"ז).

דער געפאַנגענער, וואָס פלעגט זיין איינגעצוימט אונטער שטעכיקע דראָטן, וואָכן, חדשים, יאָרן, האָט עס מאַנכמאָל מער נישט געקענט איבערטראָגן. זיינע „שוואַכע" נערוון האָבן עס מער נישט געקענט אויסהאַלטן, און באַלד פלעגט זיך ביי אים באַווייזן די ערשטע סימפּטאָמען פון דער־משונה־דיקער קראַנקייט. ס'ערשטע, זענען די אַפּלען פון דעם געפאַנגענעם'ס אויגן געוואָרן משונהדיק גרויס און זיי פלעגן כסדר גאַפן אין דער ריכטונג פון די שטעכיקע דראָטן. זיינע אויגן האָבן דאַן שוין נישט מער געזען קיין שום אַנדערע זאַך. די דראָטן האָבן זיך מאַקע ממש אַריינגעשטאָכן אין זיינע אויגן, און זיי זענען נישט מער געווען בכח צו זען עפּעס אַנדערש.

א צייט שפּעטער, פלעגט שוין דער געפאַנגענער פשוט משוגע ווערן און לויפן, מיטן גרעסטן אימפּעט, דירעקט אַריין אין די שטעכיקע דראָטן און זיך שטאַרק צוקאַלעטשן און פאַרבלוטיקן זיין פּנים, הענט און קערפּער.

אָבער, נישט דאָס ערגסטע זענען געווען די וואונדן פון זיין פאַרבלוטיקט פּנים אָדער הענט. דאָס האָט מען נאָך געקענט, ווי עס איז, פאַרבאַנדאַזשירן און היילן; פיל ערגער און געפערלעכער, און מאַנכמאָל שוין אומהיילבאַר, איז געווען ביים געפאַנגענעם די וואונד אין זיין מח, אינם געדאַנק. שוין אַפילו, נאָך דער באַפרייאונג זיינער, פלעגט מאַנכמאָל א געפאַנגענעם'ס מח זיך נישט קענען באַפרייען פון די שטעכיקע דראָטן, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט צו טיף אַריינגעשטאָכן אין די אַפּלען פון זיינע גאַפנדיקע אויגן, וואָס פלעגן נאָך אַלץ זען, אומעטום, שטעכיקע דראָטן, וועלכע האָבן אין ווירקלעכקייט שוין נישט עקזיסטירט.

* * *

די דאָזיקע קרענק איז שוין היינט מער נישט פאַרבונדן מיט מלחמה. דאָס נייע, דעמאָקראַטישע ענגלאַנד האָט פון איר געמאַכט א ציווילע קרענק, אויפן קערפּער פון יידישן פאָלק. צענער טויזנטער רעשטלעך פונם אייראָפּעאישן יידנטום — און מיר „פרייע" בתוכם — ווערן פון דער „דעמאָקראַטישער" ענגלאַנד געהאַלטן אונטער דעמאָקראַטישע שטעכיקע דראָטן — אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, ארץ ישראל און ציפּערן.

ס'גרעסטע „קרינס־פאַרברעכן אונזערס איז אַפנים, ביי ענגלאַנד, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט די מלחמה און אַרויס פונם קאַלך־אויוון, לעבעדיקע; וואָס מיר ווילן נאָך בכלל לעבן און עקזיסטירן. פאַר עטלעכע טעג צוריק האָט דער „דיילי טעלעגראַף", שרייבנדיק וועגן די אויסגעוואָרצלטע יידן באַמערקט, אז „די שארית הפליטה זענען די געזונטעסטע פון דער יידישער ראַסע, ווייל נאָר די געזונטעסטע האָבן געקענט איבערלעבן די שרעקלעכע יסורים און עינויים". נו, איז דאָס נישט א קרינס־פאַרברעכן מצד דעם „עם קשי עורף"?!

איז דען נאָך פאַרהאַנען אַן אַנדערע עצה ווי האַלטן ויי אונטער שטענדיקע דראָטן ?

* * *

יאָ, מיר, ס'גאַנצע יידישע פאָלק זענען לעת עתה געוואָרן אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. עס דראָט די סכנה אַז מיר אַלע זאָלן חלילה נישט ווערן, מיט דער צייט, זאַראַזשעט פון די פאַרזשאַווערטע שטעכיקע דראָטן. דאָס זענען זיי דאָך אויסן. מיר מוזן זיך היטן, זער היטן, פאַר דער דאָזיקער „שטעכל־דראָט“־חולאת ; אַז עס זאָל זיך נישט אַריינשטעכן אין אונזערע אויגן און מח ; אַז מיר זאָלן זיין שטאַרק און קענען באַהאַלטן אונזער וויזיע. נעירשנט פון אונזערע נביאים פאַרן „אחרית הימים“... אַז מיר זאָלן קענען זען ווייטער העט־ווייט, איבער די שטעכיקע דראָטן, וואָס צוימען איצט אַרום...

זאָלן זיי זיך היטן, די הענט וואָס צוימען אונז אַרום. ווייל עס קען גאַנץ לייכט פּאַסירן אַז ביי דער דאָזיקער „הייליקער עבודה“ פאַר וועלט־דעמאָקראַ־ציע און וועלט־סאָציאַליזם, זאָלן זיי זיך נישט אַליין אינפיצירן ; זיי קענען זיך נאָך פאַרסמען זייער איינן בלוט מיט די פאַרזשאַווערטע דראָטן, וואָס זיי האַלטן אין איין פאַרקניפּן און פאַרבינדן.

עס קען געמאָלט זיין, אַז בשעת זיי שטיין ביי דער אַרבעט, אַווי פאַרטון מיטן קניפּן און בינדן דעם שטעכיקן דראָט פאַר אונז, קניפּן און בינדן אַנדערע דאָס שטעכיקע דראָט אַרום זיי ; עס לאָזט זיך שווער גלייבן אַז די קינדער פון די היינטיקע יידן וואָס זענען פאַרוואָרפן אין ציפּרוס, וועלן אויסשטרעקן אַ האַנט און העלפן איינבינדן די דראָטן אַרום די היינטיקע באַדריקער זייערע.

* * *

אַבער צום צופיקעניש פון אַלע אונזערע „גוטע פריינט“ — עם ישראל חי ! די לעצטע דריי ווערטער קלינגען מיר נאָך אין אויער פונם מויל פון דעם „אפיקורס“ פראָפעסאָר מיכאַעלס. ווען ער האָט זיי אויסגעשריגן, ענדי־קנדיק אַ רעדע אין לאַנדאַנער „פּיפּלס פּעלעס“.

מיר „שוואַכע“ יידעלעך האָבן דאָך די געווונטעסטע נערוון. והא ראיה, אַז מיר עקזיסטירן ביזן היינטיקן טאָג. אַז מיר זענען אַרויסגעקומען פון די שפּאַנישע שייטער־הויפנס און פון די דייטשע גאַז־קאַמערן, וועלן מיר נאָך באַוויין אַרויסצוקומען פון די דעמאָקראַטישע שטעכל־דראָטן.

פון שטעכעיקע דערנער אַרום אַ פאַרבלוטיקטן יידישן קאָפּ איז אַרויס־געקומען דאָס וואָס רופט זיך קריסטלעכע ציוויליזאַציע ; פון שטעכיקע דראָטן וואָס ווערן געצויגן פון אוישוויץ ביז דער אינזל ציפּערן, אַרום אַ גאַנץ פאָלק, אַ פאַרבלוטיקטס, מוז דאָך אַמאָל ענדלעך דאָס דאָזיקע פאָלק אַליין אויס־געלייזט ווערן !



## ד״ר יעקב מייטליס

# „יידישע מיסטעריעס“

### (אַ פּאָר באַמערקונגען)

אין זיין אַרטיקל „עפּעס איבער דער יידישער מיסטעריע“ אין דעם לעצטן נומער „לשון און לעבן“, פּרובט דער מחבר אויף זיין איינגאַרטיק־פּאָעטישן אופן אַרויסצואַרבעטן אַ מין צד־השוה צווישן די אַמאָליקע, אַלטע גריכישע מיסטעריעס, אָנגעזאַפּט מיט גשמיות און תאווה'דיקייט, און די ימים־נוראָים־דיקע איבערלעבענישן פון יעדן ייד, וואָס מיט זייער סודות'פולער שטימונג, האַרציקייט און דבקות, שאַפן זיי אַ „מיסטעריע־אַטמאָספּערע“, וואָס קרוינט דעם באַגינען פון דעם נייעם יידישן יאָר.

עס איז נישט דאָ מיין אויפגאַבע אין די עטלעכע קורצע און אַלגעמיינע באַמערקונגען, זיך אַריינצולאָזן אין אַ וכוח מכח דעם עצם ענין פון „יידישע מיסטעריעס“. אָדער גאָר זיין אַ מין פוסק אחרון אויף דעם געביט. פונדעסט־וועגן ווילט זיך מיר דוכטן, אַז עס איז בכלל אַ גרויסער ספק, צי מיר קענען רעדן וועגן מיסטעריעס ביים יידנטום אין דעם זעלביקן זין ווי למשל אינם קריסטענטום אָדער ביי די אַלטע גריכן. מען מוז אויך זיין געוואָרנט נישט צו פאַרמוישן די באַגריפן. און דאָס סודות'דיקע, דאָס רזין־דרזין'דיקע, דאָס מיסטישע צו וועלן אידענטיפיצירן מיט דער מיסטעריע, וואָס איז געווען נישט נאָר אַ קולט, אַן עבודה מיט פאָרמולעס און האַנדלונגען, נאָר אַ סיסטעם פון באַגריפן און פאָרשטעלונגען, פון דינים און מנהגים. טאָר מען דאָך אויך נישט פאַרגעסן, אַז דער עצם מהות פון דער רעליגיע, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין דער מיסטעריע, איז פּאַסיוויטעט, פאַטאַליזם — און איז נעגאַטיוו, פאַר־ניינענדיק לגבי דעם לעבן גופא. להיפוך איז אינם יידנטום דער רצון צום לעבן דווקא גאָר שטאַרק. די יידישע אמונה איז אַקטיוו, פּאָזיטיוו און עטיש און באַ־יאָט לעבן און וועלט. אַזוינס ווי „מיסטעריעס“ איז אפשר פאַראַן אין יידנטום נאָר לויט דעם זין (למשל דער העברעאישער באַגריף מסתורין), אָבער קיינמאָל נישט מיט דעם מהות, אין זיין רעאַל־קאָנקרעטער פאָרם. עס זיינען אפשר נאָר אָנצייכענישן, פאַרבלאַקעוועטע איבערבלייבענישן, פאָרמען, וואָס זיינען געוואָרן אויסגעליידיקט פון זייער אַמאָליקן ממשות'דיקן אינהאַלט און, וואַנדערנדיק איבערגענאָסן מכלי שני לשלישי, האָט זייער גלגול באַקומען אַ נייעם זין און אַן אַנדערן טייטש.

אויב מיר געפינען אין דער היינטיקער יידישער צייט שפּורן פון אַמאָ־ליקע קולטן, וואָס זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט מיסטעריעס, אַזוי איז דאָס עפ״י רוב געווען אַ פועל־יוצא פון דער אַסימילאַציע פון די שבטים מיט דער רייכער און זאַטער כנען־קולטור. די נביאים און די גייסטיקע אַנפירער פונם פאָלק האָבן מיט אַלע מיטלען באַקעמפט אָט די דעגענעראַציע־דערשיינונגען, געלייטערט און גערייניקט די יידישע רעליגיע פון אָט אַלע די באַגריפן און

פארשטעלונגען, קולטן און מנהגים, מיט וואס די בארן־פארבונדענע כנען־קולטור איז געווען שפע'דיק באשאנקען.

אט נעמט, למשל, דעם תמוז־קולט. וואס האט אין גרויען אלטערטום געשפילט אזא וויכטיקע ראלע, וואס פון אים האט אבער דאס יידנטום קיין שום זכר נישט באהאלטן, בעת אין דער קריסטלעכער מיסטעריע „פון טויט און לעבן" זיינען נאך פאבליבן א סך וואגיקע עלעמענטן פון אט דעם אמאליקן פארבן־רייכן און סודות'דיקן קולט. פון יחזקאל'ן (קאפ. 8, פ' 14) הערן מיר, אז ער האט געזען אין ירושלים, אין די הויפן פון בית־המקדש, פרויען זיצן, וואס האבן באוויינט דעם תמוז.

וואס אזוינס, פרעגן מיר זיך, איז געווען דער תמוז, זיין קולט און פארוואס האבן דאס ירושלים'ער פרויען פארגאסן אזויפיל טרערן איבער אים? תמוז (די באצייכענונג פון יידישן חודש שטאמט אויך פון בבל) איז געווען אין דעם קולטור־קרייז פון אנטיקן כנען דער גאט פון וועגעטאציע (וואקסן), דער סימבאל פון פרוכפערקייט און איז אפנים געווען אידענטיש מיטן גריכישן גאט אדאניס, וואס האט געהאט די זעלביקע פונקציעס און געשטאנען אין גאר נאנטע באציאונגען צו דעם עגיפטישן גאט אוזירים, דער גאט פון תחית המתים.

קודם כל קולטור־געשיכטלעך איז אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז דער אפשטאם פון תמוז'ן איז געווען אין דעם אלטן סומער (סומער), א נישט־סעמיטיש פאלק, וואס האט אינם געשיכטלעכן באגינען באוואוינט די טאלן פון ארם־נהרים ביז צום פערסישן ים. די סומערן, ווייסן מיר, זיינען געשטאנען אויף א הויכן קולטור־שטאפל און האבן אין ערך צוויי טויזנט יאר פאר אונזער צייטרעכענונג געהאט אויפצעוויזן א רייכע און א ברייט־פארצווייגטע ציוויליזאציע, וואס שפעטער האט מען זי אנגערופן די באבילאנישע. די סומערן האבן שוין זייער פרי געהאט אויסגעבויט א רייע שטעט, צווישן זיי די באריםטע שטאט אור כשדים, וואס איז אזוי ענג פארבונדן מיטן גורל פון אברהם אבינו. כדי צו באוואסערן זייערע פעלדער, האבן די סומערן געשאפן א סיסטעם פון קאנאלן. זיי האבן אפילו אויסגעפונען און אנטוויקלט אן אייגן געשריפטס (די פלעקלעך אדער קייל־שריפט), וואס זייערע סעמיטישע שכנים האבן דערנאך פון זיי איבערגענומען. אינם פאנטעאן פון דעם דאזיקן אלטן קולטור־פאלק געפינען מיר טאקע דעם גאט תמוז (אדער, ווי ער הייסט אויף סומעריש „דומוזי", דער אמתער זון), וואס איז געווען דער יוגנטלעכער פריינד און געליבטער פון דער געטין אישטאר (־אסתר).

דער באקאנטישער תמוז־קולט איז געווען ענג פארבונדן מיט דעם לעבן, מיטן אויפקום און פארגיי פון דער נאטור. אלס גאט פון וואקסן און פרוכפער־קייט, ווערט תמוז געבוירן אין פרילינג, ווען די נאטור וואכט אויף, ווען אלץ באלעבט זיך און פעלדער און געוויקסן ווערן גרין און זאפטיק (פארגלייך דעם גלויבן אינם אויפשטיין פון קריסטוס'ן אין פרילינג, ארום פסח־צייט). אז עס קומט דער מיט־זומער, מיט די גליענדיק־הייסע, שטויביקע טעג, ווען אינם



סוב־טראפישן קלימאט ווערט אלץ פארברענט פון די גרויסע היצן, דאס גרינס פארוועלקט און די נאטור פראכט ווי ביי יציאת־נשמה, דעמאלט שטארבט אויך תמוז.

אין די אלט־באבליאנישע טעקסטן דערציילט זיך, אז צום סוף פונם הייסן זומער שטארב אפ דומוזי־תמוז, ער פארשווינדט אין דער מערב־זוים־טעניש פון דער ליכטיקער, שיינער און פרייעכער ערד און גייט אריין אין דער אינטערוועלט, פון וואנען אישטאר, זיין געליבטע, ראטעוועט אים שפעטער.

אין אט וואס מיר הערן וועגן דעם טרויער־צערעמאניאל, וואס מ'האט יאר־איין, יאר־אויס געפראוועט בשעת זיין, תמוז'ס, אוועקגיין פון דער ערד. יעדעס יאר, אין דער צייט פון קאכיגן מיט־זומער, אינם חודש, וואס הייסט טאקע נאך אים, האט זיך אן עולם פון פרויען און מענער פארזאמלט צו באקלאגן דעם געשטארבענעם גאט. אלס זיין סימבאל האט מען גענומען א מאנע־קין, וואס מ'האט ארומגעוואשן מיט ריין וואסער, דערנאך געזאלבט מיט אייל און אנגעטון א רויטן מלבוש. בשעת דער דאזיקער מיסטעריעזער צערעמאניע, האבן וואלקענעס מיט וויי־רויך אנגעפילט די לופט און מענער מיט פרויען האבן דערביי אינטערגעברומט די מאנאטן־אבלות'דיקע קלאג־לידער און קינות, וואס זיינען געווארן באגלייט פון די טרויער־טענער פון פלייטן.

דאס איז געווען בלי ספק דאס בילד, וואס יחזקאל האט געזען, ווי פרויען אין ירושלים האבן באוויינט דעם תמוז. פאר דער גרויסער מאראלישער פער־זענלעכקייט פון דעם נביא האט נאטירלעך געקאנט זיין קיין פראגע, אז דאס איז דערווידער דעם רצון פון גאט און אין זיין נאמען ניסט ער אויס זיין גרימצארן אויף די אלע, וואס פארפעלשן דעם ריינעם, לויטערן גלויבן און פארמישן אים מיט אזעלכע עלעמענטן און באגריפן, וואס זיינען לחלוטין פרעמד דעם מהות פון דער יידישער אמונה. אין דעם לאנגן געשיכטלעכן קאמף האבן סוף כל סוף געזיגט די יחזקאל'ס און די יידישע רעליגיע געלייטערט און באפרייט פון די אלע צומישענישן, וואס זיינען עלול געווען צו צושטערן די האמאגעניטעט און אחדות פון יידנטום.

אן ענלעכע צערעמאניאל ווי פון תמוז, האבן די גריכן געפראוועט מיט זייער טראגיש־שטארבענדיקן גאט ארנאנים. בכלל האט דער מיטעלער מזרח געהאט אויפצעוויזן א גאנצע פלעיאדע שטארבענדיקע געטער, וואס שטייען שפעטער אויף צו תחית המתים. זיי זיינען אלע געווען געטער, וואס האבן פארקערפערט דעם פראצעס פון פרוכפערקייט און פארניכטונג, פון אויפבלי און אומקום. זייער טויט און תחית המתים מיסטעריע איז געווען ענג פאר־בונדן מיט דעם וואוקס און פארגיי פון דער נאטור. אין דער מיסטעריע האבן די מיסטן, די יודעי־חן, דורך קולטישע צערעמאניעס, סימבאלישע האנדלונגען און לידער, געהאלפן דעם אין דער אונטערוועלט שמאכטענדיקן גאט אויפ־צושטיין צו א נייעם לעבן, וואס איז גלייכצייטיק אויך געווען דער גרויסער אקט פון באפרייען און באלעבן די נאטור.

אין דער קריסטלעכער מיסטעריע פון גאָט, וואָס ווערט געקרייציקט, שטאַרבט און שטייט אויף צו תחית המתים, איז בלי ספק דאָ אַ סך עלעמענטן און איבערעשטלעך פון דעם אַלטן תמוז־אַדאָניס קולט, אַ קאָמפּראָמיס. וואָס דאָס קריסטנטום האָט געשלאָסן מיט דער אַלטער וועלט, פאַר וואָס עס האָט אָבער נישט געקענט זיין קיין פּלאַץ אויף דעם קאָמפּראָמיסלאָזן וועג, אויף וועלכן דאָס יידישע פאָלק איז געגאַנגען פאַר די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָר.

## ע. ד. יוראַוויטש

# אַן ענטפער דער קריטיק פון משה עובד'ס בוך „אין זכות פון די טעג“

איך פיל מיך געדרונגען צו ענטפערן אויף דער קריטיק וואָס שייך משה עובדס „אין זכות פון די טעג“, ווייל דאָס דאָזיקע ביכל, הגם קליין אין כמות און זער באַשיידן אין אויסשטאַטונג, איז איינס פון די ביכער, וועלכע האָבן געמאַכט אויף מיר אַ גאַר גרויסן רושם, און אַ חוץ אַנדערע סבות מאַקע געראַד „צוליב דעם פאַנטאַסטישן סטיל און שווערן העברעאיסטישן סימבאַליזם“ וואָס די „טיימס ליטעראַרי סופּלעמענט“ האָט אַזוי באַטאָנט.

וואָס שייך דעם „יידישן קאַטאָליציזם“, וועלכן דער קריטיקער האָט אַרויסגעפונען, האָב איך אים אָבער אינעם בוך נישט באַגעגנט. אָדער באַצייכנט ער אפשר מיט „יידישן קאַטאָליציזם“, ווען אַ מענטש, וועלכער — האָבנדיק זיינס גלייכן נאָר צווישן אַ קליינעם מיעוט — פילט יידיש, פאָרט עס צונויף מיט קאָסמישן דענקען? אונזערע כתבי־קודש האָבן זיך דאָך נישט געשעמט אַנצוזויינען דעם רוימישן קאַטאָליציזם, דעם פּראָטעסטאַנטיזם, דעם איסלאַם און אַ סך אַנדערע. די ביבל הויבט זיך אָן מיט בראשית און נישט קודם כל מיט מתן תורה ביים באַרג סיני און איז אַלס אַזעלכעס, הגם יידיש איינגנטום, געוואָרן דאָס אוניווערסאַל ספר.

אָביסל ברייטער אָבער וועל איך מיך אָפּשטעלן אויף דעם נעקסטן פּאַראַגראַף און מאַקע נעמען שטעלונג צו דעם וואָס דאָרט ווערט געזאָגט: „די פראַגע פון דער קדושה פון די וואָכעדיקע טעג איז אין ערשטער ליניע נישט קיין מיסטישע און נישט קיין מעטאַפיזישע, נאָר אַ סאָציאַל־עטישע און משה עובד אַליין, כאָטש שעפנדיק פונעם מקור פון דער קבלה און מסורה, איז נישט קיין פילאָזאָף... כשוף־מאַכער... עס ווערט משה עובדן פאַרגעוואָרפן, אַז ער באַהאַנדלט דאָס האַלטן הייליק די וואָכעדיקע טעג פון שטאַנדפּונקט פון דער מיסטיק אַנשטאָט פון שטאַנדפּונקט פון דער סאָציאַל־עטיק. צי קען דען עמיצער קוקן אויף אַ זאַך מיט די אויגן פון אַ מיסטיקער בשעת ער אַליין איז בעצם נישט קיין מיסטיקער? געוויס איז די פראַגע אַ סאָציאַל־עטישע און זי קומט בולט צום אויסדרוק אויף אַט אַזאַ אופן אינעם משיח־געריכט און אויף



אַנדערע שטעלן, אָבער זי איז פיל טיפער, פונקט ווי די שבת אינסטיטוציע קען נישט באַטראַכט ווערן בלויז אַלס סאָציאַל־עטישער ענין.

ווייטער: „כאָטש שעפנדיק פונעם מקור פון דער קבלה און מסורה“. קען מען גלויבן, אַז אַן אַנדערער אַ חוץ אַ מיסטיקער קען בכלל געווינען אַ באַציאונג צו דער קבלה? פיכטע זאָגט: „זאָג מיר, וואָס פאַר אַ מענטש איינער איז, און איך וועל דיר זאָגן, וואָס פאַר אַ פילאָזאָפיע ער וועט זיך אויסקלייבן“. אַ רעאַליסט וואַרפט אָפּ די קבלה, ווייל זי איז פאַר אים אַ ספר מיט זיבן חתימות; די ווייניטרויבן זענען זויער ווייל זיי הענגען צו הויך. מיר באַגרייפן ענינים לויט אונזער השגה, און דאָס שפּריכוואָרט „זאָג מיר, מיט וועמען דו חברסט זיך און איך וועל דיר זאָגן, ווער דו ביסט“ קען מען נאָך פּסיכאָלאָגישע דערפאַרונגען אויך ענדערן אויף „זאָג מיר, מיט וואָס דו פאַרנעמסט דיך און איך וועל דיר זאָגן, וואָס דו ביסט“.

דעריבער, ווען צו די שוין דערמאָנטע באַהויפּטונגען עס ווערט נאָך געזאָגט, אַז משה עובד איז נישט קיין פילאָזאָף און נישט קיין מיסטיקער, איז עס בכלל אַ קאָנטראַדיקציע אין אַדיעקטאָ. צי גלויבט דען דער קריטיקער נישט אַליין, אַז מען מוז האָבן עפּעס אַ לעבנס־פילאָזאָפיע, כדי צו שרייבן: „דאָס וואונדער פון געבורט, דעם חידוש פון אַ קינד... דעם קאַמף פון טויט“, אָדער עפּעס פון אַ נאַטור־פילאָזאָפיע, כדי צו זאָגן: „ווי אַ טעמפּל פון גאָלד, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר דעם עולה רגל'ס אויג? ווער איז אין דעם פאַל דער וואָס דערגענטערט זיך, ד. ה. דער באַוועגלעכער פּאַסאַזשיר, דער טעמפּל אָדער דער עולה רגל? אַט דאָ ליגט דאָס נאַטור־געזעץ פון קעגנזייטיקער אויסשטראַלונג, אויף וועלכן דער חוש־הראיה פון אונזער אויג, באַרוט, אַז אַ פיזיקער פון איינשטיינס פאַרנעם וואָלט זיך געמעגט דערמיט באַשעפטיקן, פון דעם קינסטלער ז. וואָס כאַפּט עס אויף מיט אַ בליק און צייכנט עס מיט אַ שטריך.

די „גלאָריפיצירונג“ פון איידעלן מעטאַל און איידלשטיינער, וואָס מען וואַרפט פאַר משה עובדן, — דאָס גאַנצע ביכל איז אַ יוּוועלן — מאָזאַאיק פון דער זעלטענער אַרט, געשאַפן פון די קאָסטבאַרסטע איידלשטיינער, וועלכע די מיניאַטור־קונסט האָט דאָ צונויפגעבראַכט, — איז אַ ווייטערער באַווייז פאַר דעם מיסטיקער משה עובד. דאָ זיצט נישט קיין קמצן קאַלט אויף דער וואַרבנע אוצרות, נאָר די וואַרעמע פאַרשטענדעניש אַליין, יאָ, ממש דער כח פון געפיל, וואָס ווערט אים פאַרלייקנט. און נעמט אַרום נישט בלויז זיין געליבט יידיש פאָלק אין די גאַנצע מענטשהייט, עס באַגרענעצט זיך אפילו נישט ביז צו דער לעבלאָזער מאַטעריע. וואָס פאַר אונז „פשוטע שטערבלעכע ברואים“ איז זי טויט, דער פרייז און דעריבער לחלוטין נישט קיין ענגער. ווי עס ווערט באַהויפּט, נאָר זער אַ ברייטער. „דיין ליבשאַפט — דער לעבנס־כח, וואָס האָסט געגעבן לעבלאָזער מאַטעריע, וואָס מיר רופן „רו“ (דער מישית אין קיימן) אָדער „אין דער יוגנט האָב איך נישט מיטיג געווען דאָס וואָרט. נאָר שפּעטער, ווען כ'בין געווען אַ יוּוועלירער, בעת מיינע פינגער זענען באַ־

לעבט געוואָרן און מיין גייסט אויפגעוועקט דורך פּאַרצייטישע צירונג. האָב איך אַנטדעקט אַ בריק, וואָס פירט פונם לעבעדיקן גאָלד צום לעבעדיקן וואָרט.״

דער „משיח אין קייטן״ שרייט אויס: מענטשנס נשמה כ׳מוז באַוועגן צו פילן מיט ברען״. ווער עס האָט נאָר אויפגענומען נישט מער ווי אַן אָטעם־בלאָז פון אַט דער דאָזיקער גנאָד, דער פילט, אַז דאָ איז אַ נשמה פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ מיסטיקער אין בעסטן זינען פון אַט דעם וואָרט, (נישט ווי דער קריטיקער מיינט עס) ווי די רעצענזיעס פון אַנדערע קריטיקער באַווייזן דאָס: „משה עובד איז אַ מיסטיקער, אַ מענטש, וועמען יעדער שליף פון מענטשלעכער איבערלעבונג איז אַ סימבאָל פון אַ טיפן אינערן זין.״ טיימס ליט. סופּל. „מיט אַ השתוממות, וואָס קיין ווערטער קענען זי נישט אויסדריקן, געפין איך אין אייך יענעם איינציקן גייסט ווידער דערוואַכט: אַן אומפאַרגלייכלעכער מישונג פון עקסטאַטישער ליריק, פון אַ מיסטיק וואָס מען קען זי נישט דערגרונטעווען און אַ נביאישער אַנטציקונג, וואָס אונזערע קאַפּיטלעך תהלים, אונזערע נביאים...״ ד״ר מ. נאָרדוי. „משה עובד געהערט צו די נביאים, צו בלעיק, צו יעדן דיכטער און מיסטיקער וואָס רעדט נישט בלויז צו זיין אייגענעם דור נאָר צו אַלע מענטשן.״ דאָס „בוך פון קרובהשאַפט״ קאָן אָנגערופן ווערן „אַ מאָדערנע אַפּאָקאַליפּסע״ — לאָנדאָן פאָרום.

אויף דעם קריטיקערס באַקלאָגן זיך, אַז עס איז נישט ריכטיק אַריינצוברענגען פּערזענלעכע קאָנפליקטן אָדער זיך צו שטעלן אינם מיטלפּונקט פון אַנטוויקלונגען, וויל איך אייך ענטפערן מיט דזשינס (אינם זין פון פּראָפעסאָר וו.ק. רייט): „די ביאָגראַפיע פון יעדן גרויסן דענקער איז דער עיקר פון זיין פילאָזאָפיע״.

נאַטירלעך זענען די מענטשן, וועלכע מיר באַגעגענען אין בוך, ניט פולע ייִדיש; מיר לעבן דאָך אין גלות און היות מיר באַהאַלטן זיך נישט אין הייל ווי די חכמים פון טיבעט, כדי דאָרט צו לעבן גאַנץ אַליין, נאָר מיר אונטערטויכן זיך נישט־דערקענט ווי די ל״ו צדיקים אינם געטומל פון דער ציוויליזאַציע, איז עס שוין גריילעך, אַז איינער זאָל אַ מאָל גיין שפּאַצירן אין אַ לאָלינגטאָן קירכן־גערטנדל און אפילו — ווי שאָקירנדיק! דאָרטן געפינען דאָס צווייגעלע פון ישראל׳ס ווידער־אויפוואַכונג. ווען אַלע יענע „ייִדישע קינדער״ — בשום אופן נישט די שלעכטסטע, „זה דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה״, — וואָס געפינען זיך אין די קירכעס, נישט בלויז אויף אַ קירכן־בית־עולם, און אין כלערליי „איזמען״ פון דער וועלט, נאָר נישט אים יודאַאיזם, וואָלטן פון אונז יידן אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ ליבנדיקער האַנט, ווי עס געשעט דאָ דורך דער ענגלישער דאַמעס „טרייסטנדיקע פינגער״, וואָלט אונזער יידנטום געווען אין אַ פיל בעסערן מצב, און אָן ספק אויך געשטאַרקט. דעם וועגווייזער, וועלכן דער קריטיקער שיינט געווים נישט צו באַמערקן, קען מען דאָ קלאָר דערקענען. דאָס איז די „מאָראַל״ וואָס רירט אָן די סאַמע יסודות פון לעבן. נאָר אַ בשורה פון שעפערישער האַרמאָנישקייט געשריבן אויף די הערצער פון מענטשן מיט כביכול פייער, קען ברענגען רפואה אַ קראַנקער



וועלט.״ — בוך פון קרובהשאַפט. אגב דערמאָנען מיך דעם קריטיקערס טענות אין אַ מעשהלע פון בעל־שם־טוב: צום בעל־שם־טוב קומט אַ חסיד: „רבי, פלוני בן פלוני טוט דאַווענען בשעת ער שמירט די רעדער״. „ניין,״ ענטפערט דער בעל־שם־טוב, „פלוני בן פלוני איז מתפלל אפילו ביים שמירן די רעדער.״ איך גלויב, דער מוסר־השכל דאָ איז נישט, אַז „דאָ איז נישט קיין ייִדישקייט, ווייל זיין מיסטישער „אָפּגעהאַקטער פינגער״ געפינט זיך אויף אַ קירכלעכן בית־עולם, נאָר מען מוז עס אינטערפּרעטירן פונקט להיפך: ווען אַ סוחר אין לאָנדאָן אין קעניגלעכער הויף־ליפעראַנט, מיט אַלעם דעם וואָס האָט אַ שייכות צו אַזאַ פּאָזיציע, קען נאָך אָפּהיטן אַזויפיל ייִדישקייט, אַז אפילו אין אַ קירכע געפינט ער נאָך די האָפענונג אויף אַ ווידער־אויפגעלעבט ישראל און געפינט דאָס דאָזיקע סימבאָליזירט אויפן „צמענטאַוש״. איז ער באמת בייגעשטאַנען אַברהם׳ס און דניאל׳ס קאַלך־אויוון־נסיון.

און דעם נסיון פון פייער אַלס מיסטיקער האָט משה עובד אויסגעהאַלטן מיט זיין „לייטער פון יצירה״. וויאַזוי קען זיך אַ קריטיקער דערלויבן נישט צו דערמאָנען אַזאַ מייסטערווערק?

איר ווילט זאָגן „מראַל, זיי דיר זעלבסט גענוג״? פאַראַן אַן אַנדערע ציטאַטע: „מיר זענען בעסער ווי מיר זענען, ווייל מיר האָבן חרטה.״ יאָ, מיר זענען טאַקע „בעסער ווי מיר זענען״, ווייל מיר זענען מיסטיקער, דיכטער, קינסטלער, מחמת מיר טראָגן אין זיך דעם פונק פון שעפערישקייט און גיבן אים אויסדרוק. ניין, בשום אופן נישט, אַ דיכטער קען מען נישט אָנווייזן זיינע „גרענעצן״. פאַרוואָס האָט דער פּעגאַזוס באַקומען פליגל, אויב נישט זיך אַרויסצוהייבן איבער די גרענעצן פון זיין מין? כדי צו פרעסן גראָז און שלעפּן משאות, וואָס מיר דערוואַרטן פון יעדן אַנדערן פערד, דאַרף מען זיי — די פליגל — דאָך נישט! —

אָבער אין איין פּונקט וועל איך דעם קריטיקער יאָ געבן גערעכט. אויך מיין ליטעראַריש־צעפּיצעשטעטע האַרץ האָט געבלוטיקט און אויס טרויער האָב איך צעריסן איניקע שטיקלעך פּאַפּיר, ווען כ׳האָב געלייענט די איבערזעצונג פון דעם געזאַנג פון משיח אין קייטן, און דאָס איז לחלוטין נישט די שולד פון איבערזעצער, נאָר משה עובד דאַרף זיך אַליין שלאָגן על־חטא דערפאַר. פאַרשטיין לאָזט עס זיך גאַנץ לייכט. עמעצער, וואָס האָט טויזנט און איין אידייען אין קאָפּ, זוכט צו צערייסן די אַלטע זאַכן אויף שטיקער. ווען זיי באַלעסטיקן אים ווידער, ווי משה עובד האָט עס ליידער געטון מיט אַט דעם דאָזיקן וואונדערלעכן משיח־געבעט; אַ מבין אויף יואוועלן־אַנטיקן זאָל אָבער דאָך ווייסן, אַז אַ זאַך קען זיין שיין און ווערטפול, אפילו ווען זי איז אַלט, און איר, חשובער קריטיקער, וועט האָפנטלעך נאָך לייענען דאָס דאָזיקע מייסטערווערק אינם ענגלישן אָריגינאַל און בקרוב אין דער דייטשער איבערזעצונג, אפילו משה רבנו האָט זיין מייסטערווערק, וואָס ער מיט צאָרן צעבראָכן, נאָך אַמאָל געמוזט איבערשרייבן; פאַרוואָס אייגנטלעך זאָל זיין קליין אייניקל, וואָס האָט אָן ספק געירשנט דעם נאָמען פון זיין גייסט, אויך נישט טון דאָס זעלביקע?

אליהו פּאַלושאַק

## שלום עליכם — פאָלקס דיכטער און הומאָריסט

(פון א רעדע געהאַלטן אין לידז פאַרן יידישן קולטור־צענטער)

...צו דער דרייסיקסטער יאָרצייט פון שלום עליכם זענען פאָרגעקומען פייערונגען אין דער גאַנצער וועלט: אין אַמעריקע, פראַנקרייך, סאָוויעט־רוסלאַנד, פּוילן, ענגלאַנד און אין אַנדערע יידישע קבוצים.

די גרעסטע פייערונגען זענען געוואָרן אָפּגעהאַלטן אין רוסלאַנד. שלום־עליכם איז געוואָרן איבערזעצט אין זעקס און צוואַנציק פאַרשידענע שפּראַכן פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. פאַרשידענע אינסטיטוציעס, ווי דאָס יידישע נאַציאָנאַל־טעאַטער אין קיעוו טראָגן איצטער דעם שטאָלצן נאָמען פון שלום עליכם'ן. מלוכה־פאַרלאַגן האָבן געלאָזט אָפּדרוקן נייע אויפלאַגן פונם גרויסן יידישן פאָלקס־דיכטער. דאָס אָפיציעלע רוסלאַנד האָט זיין גרויסן חוב דערפילט אָפּצוגעבן כבוד איינעם פון זייערע גרעסטע בירגער.

אין דעם גרויסן יידישן קבוץ דאָ אין ענגלאַנד איז עס צוגעגאַנגען שאַ־שטיל. אין דער מעטראָפּאָלע לאָנדאָן זענען מיר „פריינט פון יידיש לשון" געווען די איינציקע ליטעראַרישע געזעלשאַפט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט און אָפּגעהאַלטן צוויי רחשים שלום־עליכם־פייערונגען. מיר ווייסן נישט צי זאָלן מיר זיך שעמען אָדער זיין שטאָלץ מיט דעם דאָזיקן פאַקט. ס'איז אָבער אָן שום ספק באַגריסענווערט, ווען איר דער יידישער קולטור־צענטער פון לידז האָט באַשלאָסן, אַז די דערעפענונג פון אייער ווינטער־אַרבעט זאָל זיך אָנהייבן מיט אַ שלום־עליכם־פייערונג.

ליטעראַרישע אַפּאָלאָגעטיקער פּראָבירן צו פאַרגלייכן שלום עליכם'ן מיט וועמען איר ווילט. מאַנכע זאָגן, אַז ער איז דער יידישער מאַרק טווען. אין דער „גוטער" אַלטער צייט פון דייטש־יידישער אַסימילאַציע האָט מען אים פאַרגליכן מיט ווילהעלם בוש אָדער נאָר מיט דעם אַמאָליקן רעוואָלוציאָנער אין פּלאַט־דייטשן דיכטער פריץ רויטער — דעם פאַרפאַסער פון „אוט מיינע סטראָמטיד" (פון מיין שטורמצייט). אַמנאָענטסטן איז שוין דער פאַרגלייך מיט גאָגאָלן. מען קען זאָגן, אַז גאָגאָל איז דער רוסישער שלום עליכם און קאָפּויר: אַז שלום עליכם איז דער יידישער גאָגאָל. ביידע גאָגאָל און שלום עליכם שטאַמען פון דער זעלבער פּיקטשורעסקער און פאַרבנרייכער סביבה. ביידע זענען זיי געבוירן אין דער רייכער אוקראַינע. ביידע זענען אויפגעוואַקסן און האָבן געצויגן זייער חיונה און גייסטיקע יניקה פון דער זאַפטיקער, פרוכטבאַרער אוקראַינישער ערד. ביידע האָבן דאָרט געלעבט, געליטן, געליבט, געהאַסט און געקעמפט. צו ביידע האָבן געזונגען אין די אויערן די מעלאָדישע טענער פון די רייכע קאָרנפעלדער און ווייטע סטעפּעס פון זייער הייכאַט, וואָס איז דער געבוירן־אָרט פון די שענסטע פאָלקס־געזאַנגען און פאָלקלאָר פון ביידע פעלקער: גאָגאָלס כאָכאָלעס און שלום עליכם'ס יידן.



שלום עליכם האָט ביי זיין אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור שוין געפונען אַ צוגעגרייטן באָדן. ס'האָבן דאַמאָלט שוין געשריבן אין יידיש אַ גאַנצע פּלעיאַדע יידישע שרייבער. היסטאָריש וויכטיק איז פעסטצושטעלן דער פאַקט, אַז פון אַלע די דאַמאָלדיקע שרייבער איז מענדעלע מו"ס פאַר שלום עליכם'ן געווען מוסטער און פאָרבילד. איז מענדעלע מו"ס געווען דער אָנהייב פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, אַזוי איז שלום עליכם המשך און ווייטער־ענטוויקלונג. און איז מענדעלע דער זיידע און שלום עליכם דאָס אייניקל, איז פּרץ נישט דער טאַטע. פּרץ איז מער. פּרץ'ס שטעלונג אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַן איינגאַרטיקע. ער איז די אינקאַרנאַציע פון דער סודות'דיקער פאַראינערלכקייט פונם מאָדערנעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום בכלל און דער געניום פונם פּוילישן יידנטום בפרט.

שלום עליכם'ס נאָכפאָלגן נאָך מענדעלע'ס שריט איז געווען דאָס שילדערן און באַשרייבן דאָס יידישע לעבן פון דער אַמאָליקער צייט נאַטירלעך און רעאַליסטיש. געטריי דעם פאָרגעשריבענעם און אויסגעטראָטענעם וועג פונם זיידען האָט ער אויפגענומען דעם קאַמף קעגן שונד, קעגן דער פאַרמיאוסונג און פאַרפעלשונג פון דער יידישער שפּראַך און יידישן לעבן דורך די שולע שמ"ר און חברים, די „ליטעראַטור"־פאַבריקאַנטן פון אַמאָל.

אין דער גרויסער אייראָפּעאישער וועלט איז דאַמאָלט געווען דער אָפּעגער קאַמף צווישן ראָמאַנטיק און נאַטוראַליזם. די צייט פון קלאַסיציזם איז געווען פאַרביי ווי אַ זיסער חלום. טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי: די צוויי גרויסע קאָנטראַהענטן אין דער רוסישער ליטעראַטור האָבן באַהערשט די גייסטער פון זייער צייט. ס'זענען צוגעקומען טאָלסטאָי, זאָלא און הויפּטמאַן — דריי נעמען פון דריי פאַרשידענע סביבות און ליטעראַטורן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן די דאַמאָלס שוין פאַרבלאַסטע ראָמאַנטיק. יעדער פון זיי האָט געדינט אַ קעמפערישן אידעאַל, וואָס איז געווען ריינער און קלאָרער אויסדרוק פון זיין צייט.

יעדער האָט אויף זיין אופן דעפינירט ציל און צוועק פון זיין שאַפן. באַקאַנט איז דאָס וואָרט פון עמיל זאָלא, אַז עס „דאַרף זיין אַ הסכם צווישן דער סאָציאַלער באַוועגונג וואָס איז די סבה —— און דער ליטעראַרישער שאַפונג, וואָס איז דער אויסדרוק".

ענלעך האָט זיך דאַמאָלס אויסגעדריקט הויפּטמאַן אין זיין סביבה. דער „זשערמינאַל" פון זאָלא, זונענאויפגאַנג", „די וועבער" פון הויפּטמאַן, זענען געווען די רעזולטאַטן פון זייער ווירקן.

וואו איז ביי אונז יידן פון דאַמאָלס אָט אָ די סאָציאַלע באַוועגונג, — דער פּועל יוצא פון דער סאָציאַלער נויט — וואָס דאַרף געפינען איר אמת'ן נישט־פאַרפעלשטן אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראַטור?

איר ברויכט אייך נאָר צו דערמאָנען די גרויסע יידישע נויט אינם אַמאָליקן יידישן קבוץ פונם צאַרישן רוסלאַנד און אויפצומישן אייניקע פון די 28 בענדער פון שלום עליכם'ס ווערק. און איר האָט אַן ענטפער אויף די

אויבנגעשטעלטע פראגע. ביי שלום עליכם'ען געפינט איר אמת'ן אויסדרוק און אפשפיגלונג פון דער יידישער נויט, דחקות, לייד, פרייד און האפנונג.

און איז דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור אלס מחבר געווען א סטאטעטשנער, אן אפגעוואויגענער, וואס האט מיט א פרעציזער וואג און מאס געשאפן זיינע אומשטערבלעכע ווערק, איז שלום עליכם געווען דער נערוועזער, צאפלדיקער, קוועקזילבערדיקער, א מענטש מיט לאבעדיקע אויגן און א לאכעדיקן חוש. אלס קינד פון דער רייכער, זאפטיקער און רחבות'דיקער אוקראינע איז זיין שפראך ברייטער, זאפטיקער און רחבות'דיקער. און רעכנט מען נאך צו די געווילטע פארם פון זיין שאפן — דעם הומאר, קומט מען צום שלום, אז עס איז נאר דא איין שלום עליכם אויף דער גאנצער יידישער וועלט.

און ווי קען עס דען אנדערש זיין? אז עס דארף זיין א הסכם צווישן דער סאציאלער באוועגונג, וואס איז די סבה און דער ליטעראַרישער שאפונג וואס איז דער אויסדרוק — קען מען זיך דען פארשטעלן, אז פון די שורות פון די וואס האבן איבערגעלעבט די גיהנום'ס פון אשוויעצים, טרעבלינקא, בעלזן קען געבוירן ווערן א שלום עליכם? עס וואלט געווען אומנאטירלעך. פון דארט קען ניכער ארויסקומען א דאנטע.

די אייראפעאישע נאטוראליסטן זענען כמעט אן אויסנאם געווען באהערשט פון דער סאציאלער נויט פון זייער צייט און זייער פאלק. ביים זיידען מענדעלע און דעם אייניקל שלום עליכם איז עס געווען מער. דאמאלס און היינט ווייסן מיר, אז ביי אונז יידן איז עס די נאציאנאלע נויט, די סאציאלע נויט און די עקאנאמישע נויט, און דער סך הכל — אונזערער טרויעריקע יידישע נויט, א דריינאַרענדיקער, וועלכער געפינט איר אויסדרוק אין אונזער מאדערנער ליטעראטור.

נעמען מיר טביה דעם מילכיקן, שלום עליכם'ס פאלקס־פילאזאף, א ייד, א פשוטער, אן ערלעכער, אן ארבעטסזאמער און א קלוגער. פארבינדן מיט דער מאמע ערד. וויפל חן ליגט אין זיין רעדן, אין זיינע דערקלערונגען, אין זיין פאלשן אויסטייטשן פון פסוקים, וויפל ליבע צו זיין כאטע, זיין הויזגעזינד, זיין פערדל און זיינע קרובים. וויפל אומעט און אויסדרוק פון אונזער דריי נאַרענדיקער נויט ליגט אין זיין אויסטייטש אין „לך לך": „לך לך — ניי דיר, מארצך — פון דיין לאנד, ממולדתך — פון דיין געבוירן־ארט, מבית אביך — פון דיין טאטענס הויז, אל הארץ אשר אראיך — וואוהין די אויגן וועלן דיך טראגן..."

און איז טביה דער מילכיקער א פאזיטיווער טיפ אין שלום עליכם'ס ליטעראַרישן שאפן, איז מנחם מענדל זיין קעגן־טיפ, זיין נעגאטיוו. אין די בריוו פון מנחם מענדל, דעם נערוועזן, צעטראגענעם לופטמענטש צו זיין ווייב שיינע שיינדל אין כאסרילעווקע ליגט א שטיק טראגיק פונם עקאנאמיש און סאציאל אויסגעווארצלטן גלות־ייד. טביה דער מילכיקער איז פעסט פארבונדן מיט זיין סביבה, זיין דארף, זיינע אנגעהעריקע און זיין טעטיקייט. מנחם מענדל האט נישט קיין שום פערזענלעכע באציאונג צו סביבה, טעטי־



קייט און זאכן, ווען ער קומט ארויס פון כאסרילעווקע. דער עיקר איז ביי אים פרנסה, חיונה פאר זיך און זיין הויזגעזינט. ער ווערט נעבעך אין דער דרויסנדיקער שנאה'דיקער וועלט פארשווארצט און פארפינצטערט. די גרויסע שיינע שטאט יהופעץ מיט איר בערזשע, איר רייכע האטעלס, סוחרים, מעקלערס, ציטראגערס, משרתים, בייבעריק, פאפירלעך, מיליאנען, מעטרעסעס, ביליקע נארקיכן און קרעטשמעס, געווינסן און פארלוסטן — אלץ דאס איז דאס פאר אים נאר מיטל צום צוועק. צום סוף בלייבט מנחם מענדל דערזעלביקער פשוטער קליינשטעטלדיקער כאסרילעווקער ווי פריער. ער איז פון נאטור נארנישט קיין פאראזיט, קיין לופטמענטש — די אויסנאמגעזעצן, די דריינאַרענדיקע יידישע נויט האבן אים געשטעמפלט צו דעם, וואס ער איז געווארן.

אנהייבנדיק מיט זיין אריינטריט אין דער יידישער ליטעראטור אלס דער שאפער פונם יידישן ראמאן (יאסעלע סאלאוויי. סענדער בלאנק און סטעמפעניו), און אריבערגייענדיק צו זיינע ווייטערע ווערק, וועלכע זענען אויסגעפילט אין 28 דיקע ביכער מיט דערציילונגען, מאנאלאגן, סקיצן, איינאקטערס, דראמען, גרויסע ראמאנען און אייפאפייען — געפינען מיר אומעטום זאפטיקייט און לעבעדיקייט אין דער שפראך, וואס איז געזאלצן און געפעפערט מיט יידישן וויץ, הומאר און פאלקלאר. די דאזיקע זאפטיקייט איז אויסדרוק פון אינערלעכקייט און נשמה. די דאזיקע אינערלעכקייט און נשמה — איז אונזער יידיש, מאמע־לשון, אומפארפעלשט און פאלקסטימלעך. איר קענט דאס נישט ארויסברענגען נישט אין ענגליש, פראנצויזיש אדער רוסיש, אפילו נישט אין העברעאיש. אז אין דער שפראך פון א פאלק ליגט נשמה, דאס האט שלום עליכם פארשטאנען. דעריבער האט ער געשריבן זיינע יאניקע ווערק אין יידיש. ער האט דערגרייכט א הויכע מדרגה. די דאזיקע מדרגה איז א צוואה און ירושה.

לאמיר פעסטהאלטן די דאזיקע ירושה.

## יוסף אייזענבערג

# די יידן אין דענעמארק

אין דענעמארק לעבן אומגעפער זעקס טויזנט יידישע נפשות, הויפטזעכלעך אין דער הויפטשטאט קאפענהאגען, אויף א באפעלקערונג פון פיר מיליאנען. אומגעפער די העלפט פון זיי זיינען פון די פריער איינגעוואנדערטע און א טייל שטאמען נאך פון 17־טן יארהונדערט, ווען דער דאמאלדיקער קעניג האט געוואלט אויסבויען די שטאט גליקשטאט, אין שלעזוויג־האלשטיין, אלס האנדלס־קאנקורענץ צו דער שטאט האמבורג. צו דעם צוועק האט ער איינגעלאדן א טייל יידן פון אלטאנא ביי האמבורג, וועלכע, ווי ער האט געגלויבט זיינען נישט נאר פעאיקע געשעפטסמענטשן, נאר וואס האבן אויך ווייטער פארבינדונגען מיט אויסלענדישע יידישע סוחרים. ווי עס ווייזט אויס האט זיך זיין פלאן נשט איינגעגעבן. דאס איז אלזא געווען די סאציאלאגישע

אורזאך ווי אזוי האבן יידן זיך באזעצט אין דענעמארק. שפעטער האבן זיך יידן געצווינגן מער צפונדיק נאך פרעדעריציא ראנדערס א.ז.וו. אויף דער האלב־אינזל יוטלאנד. אלע די יידישע געמיינדן זיינען שוין לאנג פארשוואונדן, נאר די בית עולם'ס ווייזן וואו יידן האבן געלעבט. עס איז איבעריקנס יידן געווען פארבאטן צו וואוינען אנדערשוואו. מיט דער צייט איז געלונגען אייניקע זיך צו באזעצן אין פאבארג אויף דער אינזל פיון, נאר שפעטער איז זיי אויך געלונגען זיך צובאזעצן אויף זעלאנד. אבער אלץ האבן נאך יידן נישט געדארפט וואוינען אין דער הויפטשטאט קאפענהאגן. ענדלעך אנפאנג פון 18־טן יארהונדערט איז געלונגען די יידן זיך לאנגזאם אהין צו קריגן אין דער הויפטשטאט. די יידישע גאטעסדינסטן האבן געדארפט אפגעהאלטן ווערן אזוי אז „עס זאל נישט קרענקען די קריסטלעכע באפעלקערונגס־געפילן". מיט דער איינפירונג פון דער קאנסטיטוציע, דער אזוי גערופענער „גרוינט לאו פון 5.6.1849" קריגן די יידן גלייכע רעכט מיט אלע אנדערע בירגער אין לאנד.
די יידן וואס זיינען בעשטאנען פון גאנץ קליינע קרעמער אפט אויך בעלי מלאכות, האבן זיך מיט דער צייט ארויפגעארבייט צו גאנץ אנגעזעענע פאזיציעס אין דער דענישער געזעלשאפט. אייניקע נעמען קענען אפשר אילוסטרירן: דער באקאנטער קריטיקער און פילאזאף געארג בראנדעס, זיין ברודער, עדווארד בראנדעס, פינאנצמיניסטער אונטערן ערשטן וועלט קריג. דער דיכטער מאיר גאלדשטיין, הענרי נאטאנסען, הייגמאן גרונדלאגער פון דער גרויסער ברויעריי „טיבארג" גליקשטאט גרונדלייגער פון דער לאנדמאנס־באלך א.ז.וו. אין יאר 1905 בעת די אומרוען אין רוסלאנד לאזט זיך א שטראם יידן אין דער וועלט זוכן א מקום מנוחה. א טייל באזעצט זיך אין דענעמארק, וואו די רעגירונג מאכט קיינע שוועריקייטן ביים איינוואנדערן. גאנץ שנעל האט זיך דאס מענטשן מאטעריאל אויסקריסטאליזירט און דער אומגעוואוינשענער עלעמענט האט נישט געפונען קיין לעבנס מעגלעכקייטן און איז פון די אומשטענדן געצוואונגען געווען ווייטער צו פארן. מייסטענס זיינען געקומען בעלי מלאכות און פון די מייסטענס שניידער. אדאנק זיי איז אין דענעמארק אויפגעבויט די קאנפעקציאנס־אינדוסטרי. די דענישע ארבעטער זיינען הויפטזעכלעך געווען באשעפטיקט ביי באשטעלונג־שניידעריי. אין אנפאנג איז אויך אנגעפירט געווארן א קאמף מיט די יידישע שניידער, וועלכע זיינען געקומען פון מזרח אומארגאניזירטע, די פאבריקאנטן האבן זיי שטארק אויסגענוצט אויסשליסלעך ביי היימארבעט, צום שאדן פון דעם דענישן שניידער. דער שניידער פאכפארבאנד און די צייטונג „סאציאל־דעמאקראטן" האבן געפירט א שטארקן קאמף קעגן דעם יידישן שניידער און אפטמאל נישט מיט די ריינסטע וואפן. אנפאנג פון די 20־קער יארן פון דעם יארהונדערט, האבן די פאבריקאנטן, צוליב פארשידענע אורזאכן, אנגעהויבן איינצוריכטן פאבריקן, וואו זיי האבן כמעט נאר באשעפטיקט פרויען. דער יידישער היימארבעטער איז דאדורך געווארן פערמאנענט ארבעטסלאז. זיי האבן קיין אויסוועג אין דער צוקונפט נישט געזען, דאס האט מיטגעברענגט אז אייניקע,



וועלכע האבן געהאט אפגעשפארט עטלעכע הונדערט קראן האבן זיך אויפגעמאכט קליינע קרעמלעך. אנדערע רעפאראציאנס־געשעפטלעך. שפעטער האבן אנדערע אנגעהויבן צו ארבעטן הורט. אזוי נאך איז גענוי דער גאנצער יידישער שניידער געווארן באשעפטיקט אין דער שניידעריי. אבער שוין אלס ארבעטס־געבער. אום זיך אריין צוקלעמען אין דעם פאך האט מען געמוזט רעקלאמירן מיט ביליגערע פרייזן; דאס האט ווידער ביי די קריסטלעכע באשטעלונגס שניידער ארויסגערופן א אנטי יידישע שטימונג. עס איז אלענפאלס איצט נישט פאראנען אסאך יידישע ארבעטער־שניידער. כמעט דער גאנצער איינגעוואנדערטער טייל האט זיך נישט שלעכט ארויפגעארבעט.

ווי איז אבער דער קולטורעלער מצב אין דער זעלבער צייט? — איבעראל וואו עס קומען נייע יידישע איינוואנדערער, הויבן זיי אן צו בויען א קולטורעלן לעבן. אין דענעמארק איז אויף דעם רעליגיעזן געביט אלעס געווען און עס איז אויך אויף דעם געביט נישט פיל געלייסטעט געווארן. יעדער ייד אין דענעמארק איז אויטאמאטיש מיטגליד פון דער געמיינדע. פריער האט מען מאקע געהאט וואל רעכט צו די פארשטייער (רעפרעזענטאנטן) פון געמיינדע. שפעטער האט מען דאס רעכט פארשמעלערט, ווייל מען האט מורא געהאט, אז דער נייער טייל זאל נישט פארכאפן די באשטייענדע אינסטיטוציעס, און וואל־רעכט צו דער געמיינדע האבן נאר געהאט די וואס האבן זיך דערווארבן בירגער־איינוואוינערעכט. דאך האט יעדער וואס דינגט א „שטאט" אין סינאגאגע וואל־רעכט צו די פארשטייער (גבאים) אין סינאגאגע זעלבסט אויב ער האט קיין איינוואוינערעכט נישט. עס איז פון די ניי איינגעוואנדערטע, מיט הילף פון אייניקע איינגעבוירטיקע פילאנטראפן, געגרינדעט געווארן א טויניבי־האל אויפן ענגלישן מוסטער. וואו די ניי אנגעקומענע האבן געקענט באקומען ראט און טאט, עס איז אויך געווען מוזיקאלישע, ליטעראַרישע אוונטן א.ז.וו. פיל יארן איז געווען א „בונדישער" לעזע־זאל וואו אלע האבן געקענט לייענען און אויסבארגן ביכער, צייטונגען, וואכן און מאנאטזשורנאלן און עס איז אפגעהאלטן געווארן פארטרעגע און אנדערע ליטעראַרישע אונטערהאנדלונגען. די לעזע־זאל איז יארן לאנג געווען דער צענטרום פון גייסטיקן לעבן אין קאפענהאגן אן אונטערשייד פון פארטייפארב. ווער עס האט געדורשט נאך א יידיש ווארט איז געקומען אין דעם זאמלפונקט. שפעטער האבן די סאלאן־קאמוניסטן, ווייל קיין ריכטיקע ארבייט איז נישט געווען, פארכאפט די מערהייט אין דער פארוואלטונג און זייט דעם האט דער זאמלפונקט אנגעהויבן צו פארשמאכטן ביז די לעזע־זאל איז געשטארבן מיט א מילדן טויט. די ביכער? ליגן נאך ערגעץ אין א קעלער. (די יונגע לייענען נישט יידיש.)

אין 1912 איז געגרינדעט געווארן א געזאנג פאראיין „הזמיר" וועלכער עקזיסטירט נאך היינט און איז זייער אנערקענט פון דער פרעסע און דענישער ווי יידישער עפנטלעכקייט. „הזמיר" האט אפט אויפגעטרעטן אין דענישן ראדיא און אין עפנטלעכע קאנצערטן און האט אפט מאל באשיינט די יידן דאס יידישע ליד און מוזיק. אונטער די אקופאציע איז דער „הזמיר" געווארן

אויפגעפאָדערט פון די פאַראייניקטע דענישע געזאַנגפאַראיינען פון 1859 זיך צו אנשליסן צום פאַרבאַנד — דער „הזמיר" איז נאָכגעקומען.

הזמיר האָט גוטע שטימען, ספּעציעל אין 1־טן טענאָר און אין 2־טן באַס. ביי א גרויסן קאָנצערט אין 1943 אין דער שטאָט אַרגנסע וואו עס האָבן אנטייל גענומען ביז 1500 זינגער פון גאַנצן לאַנד און וואו אַלע פאַראיינען האָבן מאַרשירט מיט זייערע פענער, איז אויך הזמיר'ס יידישע פאָן געווען רעפּרעזענטירט אין די רייען (אונטער דער אָקופּאַציע). דער ערשטער דיריגענט איז געווען דער קאָמפּאָניסט ביימל, וועלכער לעבט איצט אין אַמעריקע. דער צווייטער דיריגענט איז דער באַליבטער און מוזיקוועלט באַקאַנטער דיריגענט מ. בערעזאָווסקי, וועלכער מיט א קליינעם אונטערברעכן האָט מיט קינסטלערישן קענען און זיין טיפן יידישן איינגעוואָרצלטקייט מיט גוטער האַנט געלייטעט דעם „הזמיר" באַלד 30 יאָר. אין דער הפסקה האָט געלייטעט דעם הזמיר, דער אָנערקענטער יידישער קאָמפּאָניסט (פון פּויליש־יידישע עלטערן) הערמאַן די קאָפּפּעל.

אין קאָפּענהאַגען לעבן אַלע מעגלעכע פאַראיינען: האַנדווערקער פאַריין, וועלכער האָט הויפּטזעכלעך פילאַנטראָפּישע אויפגאַבן. א יידישער יוגנט פאַראיין וועלכער אַרבעט פאַר קולטורעלע צוועקן און קעגן אַסימילאַציע (ניט יידיש). ספּאָרט־פאַראיין „הכוח", וועלכער איז באַקאַנט אין גאַנץ סקאַנדינאַוויען. אויסער דעם האָבן אייניקע אַנטייל גענומען אין אָלימפּיאַדע אין סט. פראַנציסקאָ און אין תל אביב מיט גוטע אויסצייכנונגען. די „יק"א"־אָרגאַניזאַציע צו קאָלאָניזירן ביראָבידזשאַן, ציוניסטן־פאַראיין, „אגודת הציונים בדנמרק", ציוניסטן סאָציאַליסטן פאַראיין „עבודה", מזרחי, צעירי מזרחי וויזאָ, דייישער שאַך קלוב און יידישע דראַמאַטישע גרופּע. און נישט צו פאַרגעסן א יידישער עלטערן פאַראיין.

אין קאָפּענהאַגען עקזיסטירט שוין א יאָר 135 א יינגל און א מיידל־שולע די לעצטע איז נאָך דעם צוריק קערן פון שוועדן, צוזאַמענגעשלאָסן מיט דער יינגל שולע, ווייל, ווי מען האָט באַהויפּטעט, איז עס געווען א צו קליינער שילער־צאָל. די אויפגאַבע פון די שולן איז געווען אריין צופירן און אויפדערציען די יידישע קינדער אַלס „עכטע דענער". דער שפּעטער פון די שולן איז געווען א געוויסער נאַטאַסאָן, אַן אור פעטער צו דעם שפּעטער אַזוי אָנערקענטן יידיש־דענישן פּראָפעסאָר הענרי נאַטאַסאָן. צו דער צייט האָבן די יידן געלעבט צוזאַמען און האָבן נישט באַהערשט די לאַנד־שפּראַך. דער אונטעריכט איז אַלזאָ דעניש־דייטש, ענגליש און אויך רעליגיע אויף העברעאיש־דעניש. אויף דעם לעצטן פאַך ווערט נישט געלייגט גרויס געוויכט, עס איז זעלטן, אַז א קינד גייט אַרויס פון שולע און קען דאַווענען. אין די שפּעטערע יאָרן האָבן די שפּעטער איינגעוואַנדערטע יידן געגרינדעט א וועלטלעכע אָוונט־שולע אין יידיש. עס זיינען געווען די לערער ס. ביילין און א. קראַקאָווסקי ביידע זייער גוטע יידישיסטן. נאָר אַזוי ווי די יידן אין קאָפּענהאַגן וואוינען צעשפּרייט איבער דער שטאָט איז געווען א גרויסער קרבן מצד די



עלטערן און די קינדער, ערשט ווען זיי זיינען אהיים געקומען פון די געוויינלעכע למודים צו שיקן די קינדער אין דער וועלטלעכער יידישער אָוונט־שולע. עס האָט זיך דאַדורך אָנגעהויבן א באַוועגונג צו באַקומען די צוויי עקזיסטירענדע שולן פאַר דעם יידיש אונטעריכט, און ווייל עס גייען הויפּטזעכלעך קינדער פון די שפּעטער איינגעוואַנדערטע האָט מען אויסגעוויילט א קאָמיסיע צו פאַרהאַנדלען מיט די פאָרשטעערשאַפט פון די שולן. אין דער קאָמיסיע זיינען געוויילט געוואָרן ג. אַבראַמאָוויטש, פּ. וועלנער און דער שרייבער פון די שורות. דער קאַמף איז געווען א שווערער. עס איז דאָך אין ווידערשפּרוך צו די סטאַטוטן פון די שולן, האָבן זיי באַהויפּטעט, וועלכע זאָלן דערציען די קינדער אַלס „גוטע דענער", נישט מען זאָל ערשט אָנהויבן זיי צומאַכן פאַר יידישיסטן. אַזוי האָט איינער פון די פאָרשטייער דערקלערט, אַז איבער זיין מת וועט מען איינפירן יידיש. דער באַטרעפנדער לעבט נאָך און מען האָט שוין א יאָר 15 אונטערריכטעט יידיש. מען האָט זיך געאייניקט, אַז דער אונטעריכט זאָל זיין פרייוויליק, און דערביי האָט מען ביי אינז אויסגענאַרט די בכורה. דען די סיבה און נאָך אַנדערע, צווישן אַנדערע די אויסערלעכע אומגעבונג און טענדענץ פירט דערצו, אַז דאָס יידישע האָט קיין קיום. די יוגנט רעדט דעניש. די שולן ווערן אויסגעהאַלטן פון דער יידישער געמיינדע, צו וועלכע אַלע וואָס צאָלן שטייער צום שטאַט מוזן אויך איר צאָלן, פון פאָנדן, פון צושוס פון שטאַט און פון קאָמונע פאַרוואַלטונג, א חוץ דעם זיינען פאַראַנען פרייוויליקע ביישטייערגעבער.

אַזוי האָבן די יידן אין דענעמאַרק געלעבט ביז דעם קריג אָן גרויסע אויפרעגונג פון דער אויסערער ווי פון דער אינערער וועלט. נאָר די וואָלקן וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן נענטערן פון דרומדיקן שכן, ווען עס איז אויך טיילווייז געלונגען מיט דער קאָלאָסאַלער פּראָפּאַגאַנדע צו באַאיינפלוסן א טייל פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין לאַנד. אַזוי האָט די רעגירונג געמוזט איינפירן אוניפאָרם פאַרבאָט, צוליב דעם וואָס די פאַשיסטישע און האַלב פאַשיסטישע און קאָמוניסטישע באַוועגונגען האָבן שטאַרק קאָנקורירט מיט איינאַנדער. עס האָט אויך מאַנכע מאָל געטראָפן אַז א פרעמדער שטיין איז געפאַלן אין א יידיש געשעפט, ספּעציעל האָבן די יידישע קצבים געליטן, אויך אַנדערע יידישע געשעפטן וועלכע זיינען באַזונדערס געפאַלן אין זייערע ביידע אויגן האָבן געמערקט אַז א בייזער ווינט האָט אָנגעהויבן בלאָזן פון דרום. די יידישע סינאַגאָגע איז אויך אייניקע מאָל אָנגעגריפן געוואָרן אַזוי האָט מען א פלאַקער פייער, חזרים אָפּפאַל אין שול אַריין געוואָרפן. דאָס האָט מיטגעווירקט אַז די געוויסע אינסטאַנצן האָבן דערלויבט דער יידישער יוגנט זיך צו אָרגאַניזירן אין א ספּעציעלער שמירה, און עס איז יעדע נאַכט פון טונקל איינבראָך געווען יידישע יונגעלייט באַוואָפנט מיט גומיבאַטאַנגען געליפערט פון דער פּאָליציי און מיט פּאָליצייאישע רעכט אָפּגעהיט דעם יידישן כבוד, דעם יידישן סימבאָל, די סינאַגאָגע. עס איז דאָך צוליב דער האַלטונג מצד דער געזאַמטער דענישער באַפעלקערונג צו קיין עקצעסן ניט געקומען.

דער קעניג קריסטיאַן דער 10־טער איז באַזונדערס שטאַרק באַליבט און פּאָפּולער ביי דער באַפעלקערונג און נישט ווייניקער ביי די יידן. ער האָט זיין ליבע צו די יידן באַוויזן דערמיט, אַז בעת אין צענטראַל אייראָפּע האָט געבושעוועט דער ווילדער און אכזריותדיקער אַנטיסעמיטיזם, האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג פון דער יידישער געמיינדע אַנטייל צו נעמען אין דעם 100־יעריקן פייער פון באַשטיין פון דער יידישער סינאַגאָגע אין יאָר 1934. נאָך דער פייערלעכער גאָטעס־דינסט מיט דעם קעניגס אָנוועזנהייט האָט מען צום זכר מיט גאָלדענע אותיות אין שול דאָס פּאַראייביקט. און שטאָלץ זיינען די דענישע יידן פון זייער קעניג, וועלכער האָט אויך בעת דער דייטשער אָקופּאַציע די יידן אונטער זיין שוץ געהאַלטן. אָבער דערוועגן אַצווייט מאָל.

## „אויב נישט נאָך העכער...“

(אַ טעאַטער „שטודיאַ“ פון די יידישע קינדער אין יידישן שעלטער)

אין די קאָנסטולאַציעס פון די „שטערן“ קאָן אונזער איינער, אַ שטערבלעבער, זיך נישט אַריינמישן, וואָרים, אַז ווען נאָר דער עק בלוז פון אַ קאָמעט באַווייזט זיך אויף אונזער ערדישער ספערע ציטערט אויף אונז שוין די הויט; און ווי ראָמאַנטיש ווערן מיר ערשט, ווען אַ שטערן פאַלט...

אָבער ווי אַ בשר ודם פון פלייש און פון בלוט האָבן האָב איך דאָך אַ רעכט פאַר מיין פּריוואַט מיינונג, בפרט אַז איך האָב מיר מיין „פּריוואַט“ „זשורנאַל“ — איז „מי יאמר לך מה תעשה“!

ווי געזאָגט אין די קאָנסולאַציעס פון די „סטאַרס“ ווילן מיר זיך שוין מער נישט אַריינמישן, כאָטש על פּי שכל הישר וואָלט אַ סך לאָגישער געווען, איין טעאַטער אַ פול געפּאַקט אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, איידער צוויי מיט פולע בענקלעך נאָר משבח לזונטיק.

עס וואָלטן אויך מעגלעך געווען דעמלט גאַנץ אַנדערע קינסטלערישע אויפפירונגען און פּערמאַנענטערע רעזולטאַטן וואָלטן דערגרייכט געוואָרן... אָבער מיר לעבן דאָך אין מלכות ענגלאַנד וואו די הערשנדיקע פּאָליטיק איז „טיילן און הערשן“!... דאָס אַלץ איז נאָר בדרך אגב און אינאַלגעמיין און איך וועל מיך צוריקקערן צו מיין „פּרייוועט“ ענין, ווי איך קאָן מיר האָבן מיין אייגענע מיינונג און זי אָפן אַרויסזאָגן, ווייל איך האָב זי!!

תמיד, אַז איך פלעג זען שלמה קאָהנ׳ען אין „ויינס“ אַ ראָלע, וועלכע איז געווען פאַר אים „אָפּגעגאָסן“, וואו מ׳האָט נויטיק דעם אמתן יידישן קנייטש, וואו מ׳ברויכט דאָס קינדלעך לירישע געפיל, דאָס קאָמישע, בדרך הלצה, — נישט אַז דער עולם זאָל פּלאַצן פאַר געלעכטער! — האָט ער אויף מיר געמאַכט נישט קיין קלענערן איינדרוק ווי אונזער מאיר צעלניקער לעצטנס אין שיילאָק, צי ווי מאַרק מאַרקאָוו ווען ער וויל אונז אַ שטיקל ליטעראַרישן נחת רוח אָנטון ווען ער שפּילט זיין פּאָטער. האָבן מיר טאַקע איבערגעגעבן אַט־אַ דעם שלמה קאָהנען אַן ענין, וועלכע ליגט אונז באותו השעה נענטער צום האַרצן ווי איבסענס „פּאָטער“ און צומאָל ווי שעקספּירס „שיילאָק“ — „אויב נישט נאָך העכער“!





שלמה קאָהן אין „אויב נישט נאָך העכער“.

קאָהן איז אַ קאָמעדיאַנטשיק פּאַ־חסידראַצעמו און דערפאַר זיין יידישקינסטלעריש שפּיץ־פינגער געפיל. און דערפאַר גלויבט מען אים אויך, ווער ער רעדט באַגייסטערט און פאַרביטערט פון עכט יידיש טעאַטער שפּילן. אַזויפיל

טאלענט האט ער שוין ווידער נישט, אז אויך דאס נאר זאל ביי אים זיין בלויז קאמעדיאנטישע פאזע...

*   *   *

פון די אהערגעבראנגטע קינדער פון די נאצי־קעמפס, וועלכע וואוינען צעשפרייט אין פארשידענע האסטלס איבער גאנץ לאנדאן און אין מלכות־ענגלאנד, וואוינען אויך 85 קינדער ביי אונז דא, אין ווייטשעפל, אין יידישן שעלטער.

מיר האפן און מיר זיינען זיכער, אז די יידישע קהלה און די ציוניסטישע יונגט ארגאניזאציעס, וועלכע האבן די מייסטע די השפעה אויף די דאזיקע קינדער, זארגן אויך פאר זייער גייסטיקער שפייז — ווארים „לא על הלחם לבדו יחיה האדם".

אבער דאך האט „פריינט פון יידיש לשון" געהאלטן פאר א חוב צו קומען אין עפטערע און נאנטערע באציאונגען מיט די קינדער באטש פון יידישן שעלטער אין ווייטשעפל. (מיר האבן אין מתחילת פארבונדן א שטיקל קאנטאקט און אייניקע ליטעראריש אוונטן איינגעארדנט אין די האסטלס פון רבי ד"ר שענפעלד אבער דארטן אפנים קומט נאך צו צו די אסימילאציע טענדענצן די „פרומקייט" און דעריבער איז זיך ביידע אויגן אויסגעשטאכן, אבי יענעם כאטש דאס איינע אויג...) און מיט דער דערלויבעניש פונם קאמיטעט וועלכער זארגט און איז זיך מטריח פאר די קינדער, און מיט די פריינטלעכקייט פונם לייטער, וועלכער איז באזארגט פון יעדן קינד אינדיווידועל, האבן מיר באקומען די אפיציעלע דערלויבעניש אנצוגיין מיט אונזער ארבעט ד.ה. מיט אונזערע ליטעראריש זונטיק־נאכמיטאגס.

אז מיר האבן געזען די היימישקייט און „היימאט"־געפיל פון אזעלכע צוויי שעה פון פארלייענגען און זינגען ווירקן אויף די טרויעריקייט און פארלאזנקייט פון די קינדער. — און די אפיסערס פונם שעלטער האבן דאס אויך איינגעזען און דערפאר האבן זיי אויך אינטערעס באקומען אין אונזער מי־פולער און אינטערסירטער ארבעט. — האבן מיר באאויפטראגט שלמה קאהנען, ווייל מיר האבן אים געהאלטן ראוי לאותה איצטליתא, און אים צוגעגעבן פאר קינסטלערישע מיטהילף און טעכנישער לייטונג די וויצע־פרעזידענטין פון „פריינט פון יידיש לשון", די שוישפילערין דארא דיאמאנט, איינצושטודירן, א 2־3 מאל אין דער וואך, מיט די קינדער סצענעס פון דער יידישער ליטעראטור, זינגען מיט זיי יידישע פאלקס־לידער א.א.וו. און די עבודת־הקודש גייט שוין אן אייניקע חדשים.

שא, שטיל, קיינער ווייסט נישט, קיינער הערט נישט (ס'איז דאך נישט קיין חתן בראשית פון שולעבל ק"ק אזוי און אזוי, אדער א ציוניסטישער מלוה מלכה, אז מ'זאל דעראיבער זיך צעשרייבן גאנצע פלאכטעס. אין דער איינציקער טעגלעכער צייטונג פון גאנץ אייראפע"...) „לא ברעש ולא בחיל" — „אויב נישט נאך העכער".

מ'דארף נאר בייצוואוינען די לוסטיקייט און די פרייד פון אזא שטודיר



שעה, די היימישע אטמאספערע וואס שטראמט ארויס פון די פארוואגלטע און פארוואָרלאזטע יינגע הערצלעך — עס איז א זכות און א זכיה פאר אונזער יידישן ווייטשעפל.

*   *   *

דאס פראבלעם פון די אהערגעבראנגטע אפגעראטעוועטע קינדער נאך ענגלאנד איז אן אנגעווייטיקטער ביז גאר. ביי א פרעסע קאנפערענץ אין „יידישן וועלט קאנגרעס" מיט יאסעלע ראזענזאפט און דר. אויערבאך, פארשטייער פון דייטשלאנד, און אויף א באנקעט אין דער פעדעראציע לכבוד דער פוילישער דעלעגאציע, האט דער שרייבער פון די דאזיקע ווערטער בארירט דאס פראבלעם. — דער ענין איז צו א דעליקאטער און לײדער א צו פאליטישער און יעדער אויף זיין אופן איז מסתמא כשר גערעכט (מיר רײדן נישט פון אויסדריקלעכע שארלאטאנעם און „אפיל מאכערס"...) — אבער מיט בלויזע ווערטער און אפילו מיט עקשנותדיקע איינזייטיקע האנדלונגען, ווערט דאס פראבלעם אויף א האר נישט געענדערט.

זיכער זיינען די פארשטייער פון די קעמפס און פון פוילן גערעכט, וואס ווילן באהאלטן די קינדער ווי א דערציערישער קולטורעלע איינהייט, ווי א פאליטישן כוח: קינדער זיינען לעבן, קינדער זיינען המשך, קינדער איז דער רעזערוואַרט פון פרייד, איז פאטענץ, איז פאלקס־גלויבן — נישט אן ענין פאר „טשארעטי"!

זיכער זיינען זיי גערעכט, וואס זיי ציטערן אזוי פאר זייערע קינדער! וואס קאן דא ווערן פון די קינדער אין ענגלאנד, אין די האסטלס, העכסטנס גוט דערצויגענע ענגלישע בירגער — אבער גענוגנט דאס פאר די קינדער פונם „יתר הפליטה", וואס מ'האט געקארמעט מיט די לעצטע טראפן בלוט פון אונזער גלויבן?

אמת, די אגודה טוט, לויט איר השגה, וואס זי קאן די ציוניסטישע אידעאלע יונגט באמיט זיך לויטן יכולת, אבער דאס רווישנדיקע לעבן איז דאך שטארקער פון אלע; און די נאס, די נאס איז דאך שטארקער ווי דער ענגלישער יידישער בית־ישראל, וואס האלט זיך נאך קוים, קוים — —

מיר „פריינט פון יידיש לשון", וואלטן געוואלט מיטהעלפן בנוגע די קולטורעלע אנטוויקלונג פון די אהערגעראטעוועטע יוגנטלעכע איז ראשית אונזער כוח א באגרענעצטער און דערצו טרעפן מיר ערשט אן אויף גרויסע שטערונגען, אפילו דא, ביי אונז אין ווייטשעפל, אין דער יידישער „געטא" אזוי צו זאגן, זיינען מיר זיך באוואוסט אין אונזער אומבאהאלפנקייט. אזוי ווייט זיינען מיר „באוואוסט", אז יעדע שעה יידישע קולטור־ארבעט איז שוין א יתרון....

אז אלץ איז אצינד אזוי געזעלשאפטלעך פאטייאיש און פאליטיש אויפגעבויט אן יעטוועדן קולטורעלן אונטערגרונד, אדער צומאל איבערבוי, אונזער שווארקייט גייט שוין אזוי ווייט, אז מיר זיינען נישט ווייניקער „דאנקבאר" די לייטונג שעלטער, וואס האבן אריינגענומען און זארגן זיך פאר די קינדער

ווי דאָס אַריינלאָזן אונז, זיי צו געבן אַ פּאָר גייסטיקע היימישע יידישע שעהן. און וועלן זיי די קינדער זיך באַווייזן אויף דער בינע, און באַווייזן, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט און וואָס זיי קענען. — עס איז דאָ צווישן זיי נישט נאָר טאַלענטירטע צום שפּילן נאָר אפילו צו שרייבן און אַליין שטיקלעך צו פּאַרפאַסן, ווי דוד גאָלדשילד, משה יאַקובאָוויטש, מאַנדאַ הערשקאָוויץ. — וועט עס זיין אַ פרייד פאַרן יידישן ווייטשעפּל און אַ שטאָלץ — „אויב נישט נאָך העכער“!

* * *

ווייטשעפּל — „די יידישע געטאָ“ ווי די גאָלדעס גרינער ווייבער רופן עס, וואָס קומען אהער קויפן הינער אויף שבת; אַ נעפּל פאַרוויקלטע גרויס־קייט, וואָס פעלט אונז שוין אַרוים פון די הענט. אז אַ קאָן זאָל זיך דערמיט אַ שיפל טאָן. אָבער דאָך — ווייטשעפּל איז נאָך ווייטשעפּל! עס האָט באַ־האַלטן זיי כאַראַקטער און אויף אַ געוויסן אופן באַהיט עס אים — דאָס וואָרט אַליין איז שוין עס מחייב! אפילו סטאַמפאָרד־היל דער פּרוזדור פון ווייטשעפּל ווייסט עס. אַזוי איז עס מיט די אינסטיטוציעס: ישיבות, בתי מדרשים א.א. און אַזוי איז עס אויך מיט אונזערע קולטור־ענינים! וויפל ליטעראַרישע אָוונט ווערן איינגעאָרדנט אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד און וויפל קיין עין הרע אין ווייטשעפּל? וויפל יידישע טעאַטערס זיינען דאָס נאָך פאַראַן אַ חוץ אונזערע צוויי טעאַטערס אין ווייטשעפּל? א.א.וו.

דערפאַר פילן זיך אויך די קינדער דאָ, אין יידישן שעלטער היימישער און פרייער ווי די קינדער אין די אַנדערע האָסטלס. — זיי האָבן זייער דעת הקהל! אַ דאַנק זייער אויסדריקלעכן ווילן און אויפּפּאָפערונג קאָנען מיר אָנ־האַלטן אונזער אַרבעט דאָ.

און די אַרבעט איז נישט בחינם! מ׳דאַרף נאָר זען שלמה קאַהנען ביי דער אַרבעט“ — ווי אַן אַפּאָלאַ אויף זונען־דרייטוואָגן בשעת ער קערעוועט אים! און די פרייד אין די קינדלעכע אויגן איז דאָס הילכדיקע לאַכן ביי יעדער זיין פּאַרמאַכנדיקע תנועה און הועיה. און דאָס טוליענדיקע פון די מיידלעך צו דאָראַ דימאַנט, בשעת זי שטוידרט מיט זיי איין מיט יערן איינעם אינדיווידועל; ווי זיי קוקן איר אין מויל אריין, ווען זי איז זיי מטעים אַ וואָרט, אַ טאַן פון אַן מעלאָדיע. די מאַמעריקע ליבע צו זיי מצד דאָראַ דימאַנט און זייער קינדלעך געמוליע צו איר, דאָס אַליין איז שוין — דיינו! זיי האָבן דאָך זייערע בטעמע און קינדלעכע יאָרן פאַרלוירן, צוואַס מיט זוערע מאַמע־דיקע היימען און קינדלעכע היימישקייט.

און על אחת כמה וכמה, ווען עס וועט ערשט געלינגען, איי גרויסן אָנגע־פולטן זאָל פאַרן ליבן פובליקום אויפצורופן דאָס וואָס זיי האָבן באַוון איינ־צושטודירן — עס וועט זיין נישט נאָר אַ זכיה און אַ זכות פאַרן יידישן ווייטשעפּל, נאָר דער גרום אונזערע, דער וואַרעמער גרום אין דער וועלט אריין פונם גאַנצן לאָנדאָנער יידנטום. — דער פריידיק געלעבטער און פרייד־געזאַנג פון די קינדער וועלכע האָבן זיך דאָ געראַטעוועט — „אויב ניט נאָך העכער!“

ש.



# טעאַטער אַלס דערציאונגס מיטל

ווען דאָס פאָלק קומט נישט צום טעאַטער, מוז מען דאָס טעאַטער ברענ־גען צום פאָלק. און דאָס האָט געטאָן די יוניטי־טעאַטער־געזעלשאַפט פון קינגס־קראָס. זיי האָבן אַראַנזשירט און אויפגעשטעלט אַ שפּילפּלאַן פון דריי וואָכן טעאַטער, מוזיק, וואַריטע און פילם אינם צענטר פונם יידישן ווייטשעפּל. דאָס טעאַטער־הויז „גרענד־פּאַליי“ איז געווען דער אָרט. וואו דאָס פּראָגראַם פון דער סטעפּני בראַנטש יוניטי־טעאַטער איז געוואָרן אָפּגעוויקלט און אויס־געפירט. אינם משך פון די דריי וואָכן זיינען אין ניין אָוונטן געשפּילט געוואָרן דריי פאַרשידענע דראַמען, וועלכע האָבן געהאַט דערפאָלג אויף פאַרשידענע באַקאַנטע בינעס דאָ און אין אַמעריקע. דער דאָזיקער קורצער באַריכט ווערט היפּטזעכלעך געשריבן דערפאַר, כדי צו באַטאָנען, אַז די אַמאַטאָרן־שפּילער פון דריי פאַרשידענע דראַמאַטישע געזעלשאַפטן האָבן זיך נגעגעבן מי לעבעדיק אַרויסצוברענגען אין דעם מאָדערנעם לעבעדיקן דראַמאַ די גייסטיקע און מאַטעריעלע נויטן פונם פאָלקס־מענטש אין אונזער צייט. באַזונדערס איז דאָס געלונגען דער „אָקספּאָרד־הויז דראַמאַטיק סאָסייטי“ מיט זייער לעבעדיק שפּיל „באַסטער“ פון טעד ווילים, וואו עס האָבן זיך אויסגעצייכנט דושיימס אַססער אַלס באַסטער און העלען ראַזעפּקאַ אַלס זיין מאַמע.

אַ קאָנצערט פונם טאַינבי־האָל אָרקעסטער און פּיאַנאָ־סאָלאָס פונם באַ־קאַנטן אייראָפּעאישן פּיאַניסט פראַנץ אָסבאָרן זיינען באַשטימט פאַרגעשטעל־טונגען פון אַ יום־טובדיקן כאַראַקטער.

ליידער איז דער באַזוך פון די אָוונטן געווען אַ שוואַכער. די פאַראַנ־שטאַלטער און די טרעגער פון דער יוניטי־טעאַטער־באַוועגונג שרעקן זיך אָבער פאַר דעם נישט אָפּ. זיי פאַרטרעטן די אידיי, אַז קונסט איז פאַרן פאָלק, און זיי באַמיען זיך מיט באַשיידענע מיטלען צו ברענגען דראַמאַ, מוזיק און פילם אַלס לעבעדיקע קונסט צום פאָלק. באַזונדערס ווילן זיי דאָס מאָדערנע דראַמאַ באַנוצן אַלס דערציאונגס־מיטל. זייער באַשטרעבונג איז צו שאַפן לאָקאַלע קונסט־קאַמערן, און עס זעט אויס, אַז די באָראָה פון סטעפּני וועט זיין איינע פון די ערשטע צו באַקומען אַזאַ „אָרט־קאַונסיל“. דאָס קען זיין זייער וויכטיק פאַר אַזאַ יידישן פאָלקס־באַצירק, ווי סטעפּני איז. ווען דעם אַן אַנדערש מאָל.

א.פ.

## באַריכט פון דעם 70־יעריקן יובילעאום־פייערונג פון אברהם רייזען אינם „יידישן קולטור קלוב"

זונטיק, דעם 27־טן אָקטאָבער איז אינם באַשיידענעם זאַל פון „יידישן קולטור־קלוב" פאָרגעקומען אַ פייערונג לכבוד אברהם רייזן'ס 70־יעריקן יובילעאום. איך האָב בכונה געשריבן „אַ פייערונג" אנשטאָט די „פייערונג", ווייל לכתחילה האָט עס געזאָלט זיין בלויז אַ פאָרטראָג פון אונזער פריינט שטענצל איבער אברהם רייזען, אָבער דער זער געלונגענער, און אינספּירירטער טאָן מיט וועלכן פריינט שטענצל, האָט געשילדערט דאָס לעבן און שאַפן פון אברהם רייזען, האָט דעם עולם אַריינגעבראַכט אין אַזאַ פייערלעכע שטימונג אַז די פאַרזאַמלונג איז פון זיך אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שמחה, אָן איינע וועלכע עס איז צוגרייטונג, האָבן זיך פריינט פון זאַל געמאָלדן, צו לעזן, צו זינגען, און צו רעקלאַמירן רייזענס און עס איז געווען אַן אמתע פייערונג.

ווער עס קען אונזער שטענצלען, וועלכער פלעגט שטענדיג רעדן קורץ, שאַרף און אָפּגעזאָגט, וועט פאַרשטיין די רבותא, אַז ער האָט גערעדט אַנדער האַלבן שעה, און באַוויזן צו שאַפן אַזאַ נאָענטן קאָנטאַקט, צווישן אים, רייזען, און דעם עולם, אַז ס'האָט זיך יעדן אויסגעדאַכט, אַז אָט זיצט דאָרט רייזען אויף דעם קליינעם בילדל אונם יידישן קולטור קלוב, אַ לעבעדיקער, און הערט און זעט ווי אַזוי יידן, — אמת אַ קלענערע צאָל ווי מיר וואָלטן זיך געוואונטשן — פרייען זיך פון טיפן הארצן, אַז זיי פאַרמאָגן אַזאַ הערלעכן בן שבעים. און נאָך מער פון פילע האָט זיך געפרייט, טאַקע שטענצל אַליין, און בשעת ער האָט דערמאָנט זכרונות אָדער מעשה'לעך פון רייזענען האָט מען געקענט זען, אַז עס שטייט פאַר אייך נישט קיין בעל דרשן, אָדער „רעדנער" וועלכער רעדט ווייל ער „מוז" אָדער „דאַרף" רעדן, נאָר אַ מענטש וואָס פילט זיך גליקלעך אַז ער האָט ס'געלעגנהייט זיך צו טיילען מט אַנדערע פריינט, זיין מיינונג, אָפּשאַצונג, און טיפע געפילן, וועגן זיינעם אַ חבר וואָס ער האָט פשוט ליב.

וועגן דעם רעפעראַט גופא, און אויף וויפל מ'קאָן אין פאַראַגראַפן אויפשרייבן פון זכרון, בעט איך אַ „פּלאַץ" אין קומנדיקן נומער „לשון און לעבן".

.5.5

## ביכער אנגעקומען אין רעדאַקציע

„דער טעאַטער שפּיגל". אָקטאָבער־נומער. 1946, לאָנדאָן.

„אויפבוי", אויגוסט, 1946, מעלבורן.

„אַדמאַנטער היינט" יידיש אין לאַטייניש שריפט. נומער 8 און 9.

„אנרא" פ.פ. קעמפ.

„אונטערן האַקן־קרייץ" — פון זאַנוויל דיאַמאַנט, 1946, פאַריז.

„וויליאם שעקספּיר — פון אברהם טייטלבוים, איקוף פאַרלאַג.





* *

לאָדזש. — די טעג האָט זיך דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן איינגעגעבן צו געפינען וויכטיקע מאַטעריאַלן פון לאָדזשער געטאָ.

אין לאָדזש אויף ליטאָמירסקע 13 איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַן אַרכיוו, וועלכער איז באַגראָבן געוואָרן דעם 28 אויגוסט 1944.

מיט די אויסגראָבונגס אַרבעטן האָט אָנגעפירט דער פּרעזידיום־מיטגליד פון צ.יי.ה.ק. ד"ר י. קערמיש, ביים אָנטייל פון אַרכיוו־מיטאַרבעטער פון צ.יי.ה.ק. איוואַן, פאָרשטייער פון דער מאַכט ביעגאַנסקי און איניציאַטאָר פון די אויסגראָבונגען מיטאַרבעטער פון צ.יי.ה.ק. גאָטליב.

אַ גרויסער טייל פון די מאַטעריאַלן איז באַשעדיקט געוואָרן. צווישן די געפונענע מאַטעריאַלן געפינען זיך אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער פייערלעשער קאָמאַנדע אין געטאָ. ס'זיינען אויך געפונען געוואָרן אַ ריי ביאָגראַפיעס פון אָנגעזעענע מענטשן אין געטאָ, אַ ווערטער־בוך פון נייע ווערטער און אויסדריקן, קאַרטאָטעקן, אַ ריי אַלבאָמען, די פּערזענלעכע לעגיטימאַציע פון רומקאָווסקין, מטבעות און באַנקנאָטן פון געטאָ, ווי אויך אַ ריי אַנדערע זאַכן פון אַרכיוואַלן און מוזעאַלן ווערט.

* *

וואַרשע. — אין לאָדזש האָט זיך געעפנט אַ קורס פאַר לערער פון יידיש אויף וועלכע עס וועלן געלייענט ווערן לעקציעס וועגן יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, מעטאָדען פון יידיש און געשיכטע פון יידישער שפּראַך.

* *

אין די נאָענטסטע טעג דערשיינט אַ גרויס־ליטעראַריש זאַמלבוך א.נ. „יידישע שריפטן", אַרויסגעגעבן דורכן פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין פּוילן, רעדאַגירט דורך אַ רעד.־קאָלעגיע: רעדאַקטאָר לעאָ פינקלשטיין, רעד.־סעקרעטאַר נחום באָמזע.

אין דעם זאַמלבוך, וואָס אַנטהאַלט ביי 120 זייטן גרויסער פאָרמאַט, אילוסטרירט, באַטייליקן זיך מיט זייערע אַרבעטן פּאָלנדיקע שרייבער: אפרים קאַגאַנאָווסקי, רחל ה. קאָרן, חיים גראַדע, לעאָ פינקלשטיין, אברהם זאַק, אברהם סוצקעווער, ש. בערליסקי, נחום באָמזע, בונעם העלער, משה גראָסמאַן, ב. מאַרק, יוסף רובינשטיין, ד. ספּאָרד, ל. אָליצקי, רייזל זשיכלינסקי, יצחק יאַנסאָוויטש, ישראל אשענדאָרף, מ. מירסקי ה. ל. פוקס, מ. א. קנאַפּהייס, מרדכי אַלעי, רחל אויערבאַך, ישעיה שפּיגעל, יצחק פּערלאָוו, מענדל מאַן, יהודה עלבערג, פסח בינעצקי, מאַטעס אָליצקי, לייבל קופּערשמיד, גוטע גוטערמאַן, מ. וואַלדמאַן, וו. ה. איוואַן, י. אַקרוטני, ש. קאַטשערגינסקי, מ. גרעלמאַן, יוסף וואָלף, ב. מאַסענזשיק.

דער פּרייז פון אַן עקזעמפּליאַר — 50 זל.

מיט באַשטעלונגען (נישט ווייניקער ווי 10 עקזעמפּליאַרן) זיך ווענדן: פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין פּוילן — לאָדזש, נאַרוטאָוויטשא 32, וו. 9 פאַר „יידישע שריפטן".

פאריז. — אין דער גאַלערי עליזיי, 69, פּאַבור סענט־האָנאָרע קומט פאָר אַן אויסשטעלונג פון יידישן מאָלער בלאַטאַס. די אויסשטעלונג איז אָפן פון 15־טן ביזן 29־טן אָקטאָבער פון 10 ביז 18 אַ זייגער.

*   *

לאַטען. — אין אַן אָרעם צימער אין אָרטיע לאַטען איז אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך געשטאָרבן דער 70־יאָריקער יידיש־רוסישער געלערנטער און שריפשטעלער מיכל שווארץ.

*   *

ראַטן־פּאַרבאַנד. — אין אָנהויב פון דער מלחמה, בעת די דייטשן זיינען גענאַנגען פאָרויס האָט די סאָוויעטישע מאַכט עוואַקואירט פון וויטעבסק די בילדער פון דעם באַקאַנטן יידישן מאָלער י. פּען, וועלכער איז געוועזן דער לערער פון מאַרק שאַגאַל. איצט זיינען די בילדער צוריקגעקערט געוואָרן קיין וויטעבסק און זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אָרטיקן מלוכהשן מוזעאום.

*   *

דער פאַרדינסטפולער סאָוויעטישער קונסט־טוער ס. פּאָלאַנסקי האָט אָנגעשריבן אַ נייע ראַפּסאָדיע, געבויט אויף יידישע פאָלקס־מאָטיוון. ער האָט אויך אָנגעשריבן מוזיק צו צוויי יידישע טענץ. ס. פּאָלאַנסקי שאַפט איצט מוזיק צו די לידער פון אַ ריי יידישע סאָוויעטישע פּאָעטן.

*   *

דער אָרעמער מלוכהשער יידישער טעאַטער האָט די טעג באַוויזן אַ נייעם ספּעקטאַקל — „סטעמפּעניו" פון שלום עליכם. דעם ספּעקטאַקל האָט געשטעלט דער רעזשיסער מינדלין. מוזיק—קאָמפּאָזיטאָר פּאַרלובין.

*   *

אין הויז פון דער רויטער אַרמיי אין רינע איז פאָרגעקומען אַ גרויסער אָוונט געווידמעט דער יידישער קולטור. ס׳זיינען אַרויסגעטרעטן די שרייבער איציק פעפער און שמואל האַלקין. דער לאָרעאַט פון דער סטאַלין־פּרעמיע זוסקין האָט געגעבן עטלעכע סצענקעס פון די „בלאָנדזשנדע שטערן". דער באַקאַנטער זינגער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געזונגען עטלעכע יידישע פאָלקס־לידער.

*   *

ניו־יאָרק. — אין פאַרלאַג פון יידישן פאָלקס־אָרדן אין ניו־יאָרק איז דערשינען דאָס בוך „בראָנענדיקער דאָרן" פון שלום אַש, אַ זאַמלונג דערציילונגען וועגן לעבן און קאַמף פון די יידישע מאַסן אונטער די נאַצי־מערדער.

*   *

ניו־יאָרק. — די טעג ווערט פאַרטיק פון דרוק דאָס נייע בוך פון ש. ניגער „דערציילער און ראָמאַניסטן". דאָס איז דער ערשטער באַנד פון אַ גרעסערער אַרבעט, וואָס דער באַוואוסטער ליטעראַטור־קריטיקער האָט פאַרטיק אין מאַנוסקריפּט.

דאָס בוך, וואָס דערשיינט איצט, באַשטייט פון 2 טיילן (איבער 500 זייטן). אין ערשטן טייל פון בוך ווערט געגעבן אַן אַלגעמיינער איבערבליק איבער דער יידישער דערציילקונסט אין 19־טן יאָרהונדערט; אין צווייטן טייל גייען אַריין מאָנאָגראַפישע אָפּהאַנדלונגען וועגן באַזונדערע דערציילער און ראָמאַניסטן פון סוף 19־טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20־טן יאָר־הונדערט. אין דעם טייל גייען אַריין אָפּהאַנדלונגען וועגן: יעקב גאָרדין, ז. ליבין, לעאָן



קאָברין, ז. לעווין, דוד פּינסקי און שלום אַש.

סוף חודש ווערט אויך פאַרטיק דאָס בוך: „אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער פּראָזע אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות" (1939-1914). דאָס בוך איז צונויפגעשטעלט פון די שריפשטעלער י. י. טרונק און א. צייטלין און איז אויסן צו געבן אַ בילד פון דער יידישער דערציילערישער פּראָזע אין פּוילן אין דער אויבן דערמאָנטער עפּאָכע. די אַנטאָלאָגיע וועט האַלטן קרוב 700 זייטן, אין איר וועגן פּאָרטרעטן 32 יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן געשאַפן זייערע ווערק אין פּוילן אין דעם פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט מלחמות.

עס ווערט אויך צוגעגרייט אַ צווייטע אויפלאַגע פון ערשטן באַנד פון זלמן שניאורס גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן „קייסער און רבי". די ערשטע אויפלאַגע, וואָס איז דערשינען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין ציקאָ פאַרלאַג, איז אינגאַנצן אויספאַרקויפט.

*   *

## קולטור ידיעות פון דא

משה עובר איז אָפּגעפאָרן אויף אַ באַזוך קיין בעלגיע, וואו ער וועט אויפטרעטן מיט רעפעראַטן און מיט פאָרלעזונגען פון זיינע לידער.

*   *

„ניי יידיש טעאַטער" אין אָרלער האַל, גרייט צו גרויסע פייערונגען צום 70 יאָריקן יובל פונם גאָלדפאַדען טעאַטער. פרייט פון יידיש לשון באַטייליקט זיך מיט אין די צוגרייטונגען פון די פייערונגען.

*   *

ש. ל. קרעדיטער האָט אָנגעשריבן אַ היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן אונטערן נאָמען: „בראשית".

*   *

עלענצווייג האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע: „אַ שטול אין גן־עדן" זי ווערט אויפגעפירט קומענדיקן חודש פון מאַרקאָוון אין גרענד פּאַליי. מוזיק פון מאַרקאָוויטשן.

*   *

אברהם פנחס ציקערט גרייט צו אַ בוך לידער צום דרוק. דאָס וועט הייסן „מיט אויסגעשטרעקטע הענט". ער האָט אַ סך לידער פון די קעמפּס.

*   *

„ניי יידישער טעאַטער", אין אָרלער האַל פירט אויף דעם קומענדיקן חודש „דעם „קעניג פון לאַפּעדוסאַ" פון ש. י. אַרענדאָרף. דאָס שטיק וועלכע איז פאַר צוויי יאָר צוריק געשפּילט געוואָרן מיט איא האַלאַסאַלן דערפאָלג.

*   *

מ. קאַץ גרייט צו צום אַרויסגעבן זיינע צוויי דראַמעס „דער נצחון פון ישראל" און „דעם נאַציס יידישע טאָכטער".

*   *

דאָס קינסטלער פּאָרל עלן ווינאַגראַד און סעם גאָלדבעג גרייטן ווידער צו וואָרט קאָנצערטן פון יידישע פאָלקס לידער פאַרן קומענדיקן ווינטער סעזאָן.

* *

די צוויי שוישפּילער פון פּאריז טונים און יחזקאל וואכטל טרעטן יעצט אויף אין די לאנדאנער טעאטערן, ניי דייש טעאטער און גרענער־פּאליי.

* *

דער שוישפּילער הערמאן טונים, וועלכער איז געווען דער גאסט ביי א גלעזל טיי פון פריינט פון יידיש לשון, האט רעקלאמירט א סצענע פון „טאג און נאכט" פון אנסקי מיט גרויס דער־פאלג.

* *

פארגאנגענעם חודש האט מען גע־שפּילט אין ניי־יידיש טעאטער א קא־מעדיע פּארפאסט פון מאיר צעלניקער מיטן נאמען „דער כעלעמער חכם".

* *

אין גראנד פּאליי טעאטער האט מארק מארקאוו אין פּארגאנגענעם חודש געשפּילט ז. ליבינס א דראמע: „א חתונה אין תפיסה", מיט גרויס דערפאלג.

## צוויי נאטיצן

### 1. „יידישע מיסטעריעס"

זיכער בין איך גאנץ מסכים מיט דר. יעקב מייטליס'ס „פאר באמרע־קונגען" איבער „יידישע מיסטעריעס". דעם 'מחבר'ס איופאסונג איז בכלל נים אין סתירה מיט זיין מיינונג. מיט שפּינאזען און מיט בעל־שם וויל ער נאר ווייטער גיין און דערפילן דעם אלטן „העברעאישן באגריף מתרון" אויך אין דער אטמאספערע ארום, אין די קלאמיטע ענדערונגען — ווען נאר אפילו אויף „זיין איינגארטיקן פּאעטישן אופן".

### 2. „אין זכות פון די טעג"

די אביסל שטרענגע רעצענזיע פון אליהו פּאלושאק און דער מליצהדיקער און צודערהויבענער ענטפער אין היינטיקן נומער פון מדם יוראוויטש פראוואַ־צירט א קריטישן עסיי איבער דעם באשיידענעם ביכל — מסתמא אין א באל־דיקן נומער.

ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(קינגס האל, 83, קאמערשל רויד, א.1. — 3 א זייגער נאכמיטאג)

שבת, דעם 2־טן נאוועמבער, וועט זיין געווידמעט דעם שאפן פון יידן פראנקרייך.

שבת, דעם 9־טן — לכבוד 29־טן יאר טאג פון דער רוסישער רעוואַ־לוציע, געווידמעט דעם יידישן שאפן אין סאוויעט־רוסלאנד.

שבת, דעם 16־טן וועט דר. טענענהויז האלטן א רעפעראט איבער קדיש ביי יידן, חזן שמואל ראטה וועט זינגען און זאגן די פארשידענע נסחאות.

שבת, דעם 23־טן פארלעזונגען פון אברהם רייזענס דערציילונגען.

שבת, דעם 30־טן וועט משה עובד האלטן א רעפעראט: „א גרוס פון בעלגישן יידנטום".



**א צאתך לשלום**

צו מרס. רבקה נאראדיצקי

פרוי פון ישראל נאראדיצקי, ע"ה,
און די מוטער פון אונזערע
פארלעגער די
ברידער נאראדיצקי,

צו איר אפּפאר נאך ארץ ישראל
ווינטשן:

די רעדאַציע פון 'לשון און לעבן'
פריינט פון יידיש לשון, יידיש
ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

**ס. און ב. פּלאסטיקס** לטד.

פאבריקאנטן און עקספּארטערס

21, Berwick Street,
London, W.1

*Telephone:* GERard 7543

דער **„מארגען - זשורנאל"** פון ניו־יארק איז די פירנדע יידישע טאג־צייטונג אין אמעריקע.
דער **„מארגען - זשורנאל"** איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואס האלט אויס אין לאנדאן א ספּעציעלן ביורא, כדי טעלעגראפיש צו אינפאר־מירן טאג־טעגלעך זיינע הונדער־טער טויזנטער לעזער וועגן אל־געמיינע און יידישע געשעענישן אין איראפע.
די **„מארגען - זשורנאל"** לעזער אין לאנדאן און אין ענג־לאנד קאנען באשטעלן די צייַ־טונג, ווען זיי שיקן צו פּאראויס א טשעק אדער פּאסטל־אָרדער אויף £3.17.6 פאר א יאר, אדער £1.19.0 פאר זעקס חדשים.
שרייבט דייטלעך אייער נאמען און אדרעס (אין בלאק־שריפט) און שיקט אייער באשטעלונג אויפן אדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

שוין ארויס! פּרייז: 3/6

**„אין זכות פון די טעג"**
פון
**משה עובד**

צו באקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפּענטליכע ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי

יידישער טעאטער „גרענד פּאליי", קאמערשל רויד, א.1

**מארק מארקאוו** און **עטא טאפּעל**
טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע
טעגלעך יעדן אוונט — 7.30

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יארגאנג — דעצעמבער 1946 לאנדאן — **נומער 12** (העפט 83)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

נס און נצחיות — לכבוד חנוכה ה' תש"ז — ** . . . 1
מיין נאמען איז חיים (מאנאלאג) — משה פראנער . . 5
צינד איך אן א יארצייט ליכט (ליד) — אברהם בוימערדער 9
מתתיהו שטעכט דעם חזיר־יידל — הרב דוב ווארשאווסקי 10
איך שיק אצינד א ליכט אראפ (נעדיכט) — נאטאן מארק . 16
אורליב און סינדריק (דערציילט לכבוד חנוכה) — יוסף פרענקל 17
אין שפיטאל (נעדיכט) — א. וואטערמאן . . . . 25
אויף א בית־עולם (סקיצע) — זיינוויל דיאמאנט . . 26
אויפן גרויסן בויך פון דער ערד. איז דא אזא ארט
(לידער) — דוד זיידענפעלד . . . . 29
מיין פאספארט. קאמאשן און טאשן (לידער) — משה עובד . 31
אלעמענם שלום עליכם (א פאר שטריכן) — לעא קעניג . 34
נעפל... אין הייליקן שיין א הייליקער קרייז
(לידער חנוכה־באלאדע) — א. נ. שטענצל . . 37
דער מיליאנער (דערציילונג) — הערשל פאליאנקער . 40
ברויט און הייזון (פעליעטאן) — נחום שטענצעל . . 45
מיין פאטערס טויט — פיינעלע אינפעלד . . . 47
יובילעאום'ס („לשון און לעבן", „אויפבוי", יעקב גלאטשטיין) — ש.
י. נ. שטיינבערגס בוך „געלעבט און געחלומט אין אויסטראליע"
(רעצענזיע) — ו. פאראלסקי . . . . . 55
ניין, נישט פעגאזוס (אן ענטפער אויף אן ענטפער)
— אליהו פאלושאק . . . . . . 57
משה עובד אין בריסל (באריכט) — אברהם בוימערדער . 60
יוואָ־טעטיקייט אין לאנדאן. פראטעסט פון שרייבער. נאטיץ — ** 63
קולטור ידיעות פון דא — ** . . . . . 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאקס — ** . 64

## פרייז 1 שילינג

אבאנענמענט־פרייז :—13/6 פאר א יאר ;
אין אויסלאנד :—3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1

אילוסטרירטער
טעאטער שפיגל

חודש־זשורנאל, ארויסגעגעבן פון „פאלקס־הויז" (בית־עם) און פון נייאידיש־טעאטער אין לאנדאן. אין יעדן נומער דערשיינען אקטועלע ארטיקלען און ידיעות, וואס זענען נוגע דעם יידישן טעאטער אין לאנדאן און אנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער : **1 שילינג**
אדרעס :—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.
Telephone : — BIS 1320.

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציגע טעגליכע
אידישע ציטונג אין
אייראפא.

ניי־אידיש טעאטער
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1

דירעקטאריום : ו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
טשערמאן : מ. ביטלער. אנפירונג : א. מייזעלס. האנ. סעק.: א. ביטלער.

פירט אויף דאס בארימטע טעאטער שטיק
„קעניג פון לאמפעדוסע"
פון ש. י. ארענדארף

באטייליגטע לויט דער פיעסע :
יאזעף שערמאן, הערמאן טוגים, הוד סעגאל, אלבערט פאקס, מאקס בוים לעאן בלומענזאן, יודל גאלדבערג, יוסף נעוואלסקי, מאיר צעלניקער, מאַרים אקסעלראד, לעוו הויזער, אנא צעלניקער, מעטא סעגאל, רות לעווענשטיין, א.א.
מוזיק דירעקטאר : פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער : זשאק טשעפל

**יעדן אוונט פארשטעלונג** (פרייטאג געשלאסן)
**שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג**
**אוונט 7.**

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*